STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02049

GESHIKHTE DER TSIVILIZATSYON IN ENGLAND

H. T. Bachl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָקל

געשיכטע דער ציוויליזאציאָן אין ענגלאַנד.

קורץ פאַפּוליזירט נאָך נאָטאָוויטש

דורך

א. ברעסלער.

ערשטע אונ צווייטע העפט.

וואַרשא. תר"ס.
דרוק פון האַלטער עט קאָמפ., נאַלעווקי 7.

БОКЛЬ

Исторія цивилизаціи въ Англіи.

Краткое изложеніе по Нотовичу

отъ **А. Бреслера.**

Первый и второй выпускъ.

ВАРШАВА. 1900.
Типографія М. И. Гальтера и Комп., Налевки 7.

Дозволено Цензурою.
Кiевъ, 1-го Iюня 1899 г.

ערשטע קאַפּיטעל.

פֿאָן אַללע הויפּט וויססענשאַפֿטען, האָט מען אַם מייסטען זיך פֿערנומען מיט היסטאָריע. ניט בלויז דיא היסטאָריקער האָבען פֿיעל געאַרבייט אין דעם אונד געזעהען פֿערצייכענען אַללע פֿאַקטען, אַללע מעשיות, וועלכע זענען געשעהען אין דיא פֿאָרגאַנגענע צייט, נאָר דאָס פֿאָלק זעלבסט פֿערנעמט זיך דאַמיט מעהר וויא מיט אַללע אַנדערע לעהרנוגען. אין יעדען חדר, אין יעדע שוהלע, פֿאָן דאָס קלענסטע ביז דאָס גרעסטע, ווערט געלעהרענט היסטאָריע. אונ מען מוז מודה זיין אַז עס איז אַ סך אויפֿגעטוהן געוואָרען אין דעם. מען האָט אויף ריכטיג פֿערשריבען אַללע מלחמות פֿאָן יעדעם לאַנד, וויא ווייט מאָגליך, האָט מאַן זיך מיהע געגעבען אויסצולערנען דיא געשיכטע פֿאָן געזעטצגעבונג אויף דיא רעליגיאָנס געשיכטע. מאַן האָט זאָגאַר קיינע אַרבייט געזאַלעוועט אויף אויסגראָבען אַלטע אָרטער, וואו עס געפֿינען זיך דיא אַמאָליגע שריפֿטען אום זיך בעסער צו בעקאָנען מיט דער אַלטער וועלט. ניט וועניג איז פֿערצייכענט געוואָרען דיא גרויסע פֿאָרשריטטע, וועלכע דיא וויססענשאַפֿט האָט ערריכט מיט דיא ניטצליכע

ערפינדונגען. פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז געוואָרען אַ לעהרע דורך וועלכע עס ווערט ערקלערט דיא סבות פאָן דעם, וואָס דיא רייכטהום איז ניט גלייך צוטהיילט געוואָרען אונד צוליב דעם איז געשטערט דיא אָרדנונג בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ. (אין אינהאַלט פאָן מענשען צווישען זיך).

נאָר ליידער געפינט זיך אַ פעהלער אין דער געשיכטע פאָן דער ענטוויקקלונג דער מענשהייט, וואס מען האָט זיך נאָר בעזאָרגט איבערצוגעבען ריכטיג יעדען איינצעלנען פאַקט, וואס האָט געטראָפען, אָבער ניט מיהע געגעבען זיך דיא אַללע פאַקטען צונויף בינדען צוזאַממען אונד זעהן וויא ווייט איינס איזט אבהאָנגיג פאָן צווייטען, אונ איין פאַקט וואַקסט פאָן דיא זעלבע סבה, וואס דער צווייטער פאַקט.

דיא היסטאָריקער מיינען, אַז זייער זאַך איז נור דער־צאָהלען דיא פאַקטען. פאָן דעם איז אַרוים געקאָממען, אַז איין היסטאָריקער האָט קיין ידיעה אין פאָליטישע עקאָנאָמיע, דער צווייטער ווייס ניט רעכטס־וויססענשאַפט (יְדִיעוֹת הַמִשְׁפָּטִים); דער דריטער איז פרעמד אין דעם פאָן וואַנען עס שטאַממען דיא פערשיעדענע רעליגיאָנס איבערצייגונגען אונד פאָן וואַנען קוממט עס, וואָס דיא איבערצייגונגען טוישען זיך; דער פיערטער האַלט ניט פאָן סטאַטיסטיק; דער פינפטער קען ניט קיין נאַטור־וויססענשאַפט; דאן ווען דיא אַללע לעהרונגען האָבען אַ גרויסען שייכות צוא היסטאָריע, דאַמיט, וואס זייא האָבען געווירקט אויף דיא ענטוויקקלונג פאָן חאַראַקטער דער מענשהייט.

אָבוואָל יעצט שטרעבט זיך שוין יאָ אַ ביסעל דיא היס־טאָריע צום אמת'ן צוועק איהרען, דאָך איזט נאָך זייער ווינציג ערדרייכט געוואָרען, אונד מאַן איזט נאָך ניט דערגאַנגען דיא ריכטיגע בעדינגונגען, וועלכע הערשען מיט דעם חאַראַקטער

אונד שיקזאל פֿאָן פֿאָלקער.

יעדער וועם עס איז בעקאַנט מיט דיא היסטאָרישע ליטעראַטור פֿאן דיא לעטצטע צוויא הונדערט יאהר, בעדאַרף בעמערקען, דאס מאן האָט זיך יעדעס מאל מעהר ערקונדיגט, אַז עס איז דא עפעס אַ אָרדנונג אין דעם גאַנג פֿאָן דער היסטאָריע, עס געהט מיט געוויססע געזאָטצע, זאָ דאס מען קען מיט זיכערהייט פֿאָרזאָגען אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא בְּאַחֲרִית הַיָּמִים, וואס עס וועט פֿאָרקומען שפעטער, ווייל מיר זעהען, אַז דיא אַללע פֿערשיעדענע וועגען וואס דיא היסטאָריע איז דורכגעגאַנגען ביז יעצט, אונד איהר היינטיגער שטאַנד איזט צוליב געוויססע בעדינגונגען, וועלכע הערשען מיט איהר אונד פֿיהרען זיא מיט אַ געוויססען סיסטעם, פֿערשטעהען מיר דאַדורך צוא וואס זייא וועלען וויטער פֿיהרען. אונד ווען מיר זעהען, למשל, אַ פֿאקט אין דער היסטאָריע, וואס אונז דוכט זיך אַז עס איז ניט לויט דעם געזעטץ פֿאָן דעם היסטאָרישען גאַנג, אונד מיר פֿערשטעהען נאָך ניט דיא סבה פֿאָן דעם, דאַרפֿען מיר רעכענען, אַז מיט דער צייט וועלען מיר זיך דערפֿון אויך דערוויסען דיא בעשטימטע אָרדנונג פֿאָן געזעטצע, וועלכע האָבען געבראַכט דאַצו, זאָ וויא ביז אַהער זענען פֿיעל אונפֿערשטענדליכע זאַכען ערקלערט געוואָרען מיט אַ בעשטימטען גאַנג.

דא קומט אַרויף, ניט ווילענדיג, דיא פֿראַגע: צוא פֿיהרט זיך יעדען מענשענס מעשים, אונד ממילא דיא מעשים פֿאָן דער גאַנצע געזעללשאַפֿט (Общество), מיט אַ געוויססען אָרדנונג, מיט געוויססע געזעטצע, אָדער עס איז אַללעס ניט מעהר וויא אַ מִקְרֶה (טראַף), אָדער אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית? צוא אַנטוואָרטען אויף דיא פֿראַגע, מוזען מיר פֿריהער זעהן דיא פֿערשיעדענע בעדינגונגען, וועלכע ברענגען צוא דיא פֿערשיעדענע מיינונגען,

דאס וויסען מיר אַז דיא וואנדראָוונג פֿאָלקער, וועלכע לעבען בלויז פֿאָן יאגד (Охота) אָדער פֿיש חאפּען, האַלטען אַז יעדער זאַך איז אַ טראַף, וייל זייא זעהען אַז דיא שפּייז וועלכע זייא בעקאָממען, ווענדט זיך ניט אָן זייא זעלבסט, אָדער אָן אַנדערע בעוואוסטע אונד בעשטימטע בעדינגונגען, נאָר עס איז אַבהאָנגיג איבערהויפּט אָן דעם בלינדען טראַף, אַמאָל איז דא אַ סך טהירען אָדער פֿיש אונד אַמאָל ווינציג. ווען דער מענש געהט איבער פֿאָן וואנדראָוונעס אין אַ זיטצענדען לעבען, וויא ער פֿענגט אָן צוא פֿאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבייט, הייבט ער אָן בעמערקען, אַז דיא שפּייז זיינע בעקאָמט ער ניט צוליב אַ מקרה, פֿאָן אַ בלינדען טראַף, בייא וועלכען מען קען פֿאָראויס גאָר ניט וויסען, אונד אַז אָן מענשען זעלבסט ווענדט זיך עס ניט, ער דערזעהט אַז דיא שפּייז קאָממט פֿאָן אַ געוויססע בעדינגונג, בייא וועלכער ער איז אַ גרויסער מחותן; וייל ער האָט געאַרבייט אונד געזאָעט דעריבער קען ער שניידען אונד עסען דיא תבואה. ער קוקט שאָן אויפ'ן צוקונפֿט מיט אַ גרעסערע האָפֿנונג אונד איזט יעצט מעהר פֿערזיכערט אין זיינע אייגענע הילפֿע, וויא דאן, ווען ער האָט געלעבט פֿאָן יאגד, אונד האָט ניט געקענט וויססען, אויב ער וועט געפֿינען טהירען צוא טאָדטען. יעטצט פֿענגט זיך שאָן אָן בייא איהם פֿאָרצושטעלען עפּעס אַזאַ אונוויסענדע פֿאָרשטעלונג, אַז עס איז דאָ אַ שטענדיגע בעשטיממטע זאַך, וואס ברענגט דאָס אַללעס אַרויס, וועלכע הערשט מיט דער גאַנצער נאַטור, אויך מיט דעם מענשען, וועלכער ברויכט דיזען קראַפֿט ניט געגענשטעהן, אונד ווען ער געהט אָבער נאָך דעם נאָך, קען ער יאָ עפּעס אויפֿטהאָן. פֿאָן דעם קוממט מיט דער צייט אַרויס דאָס, וועלכעס מיר רופֿען יעטצט אַ געזעטץ פֿאָן דער נאַטור. וואס דער מענש ווערט מעהר ענטוויקקעלט, שטעלט זיך איהם דאס

אַללעס קלערער פֿאָר, אונד ער בעמערקט אומעדום אַ איינפֿאַכען, גלייכען אונד בעשטימטען אָרדנונג. דאַן הערט ער אויף צוא רעכֿענען יעדע זאַך פֿיר אַ מקרה. ביסליכֿוויים הייבט ער אן אין דעם אַריין צוקלערען אונד געוואָהנט זיך איין צופֿערנעמען זיך מיט גייסטליכֿעס; אונד צוזאַממען פֿאָן דיעזעביידע מיינונגען, פֿאָן דער פֿריהערינגע, אַז דער מענש קען גאָר ניט אויפֿטהאָן אין דער נאַטור, פּונקט וויא דער חֶרֶם הַנִשְׁבָּר, אונד מיט דעם יעטצטיגען מיינונג, אַז דער מענש קען יאָ עפּעס אויפֿטהאן, ווען ער איז עפּעס גוזר און אַרבייט ווערט עס מקוים, אונד ער פערענדערט דיא נאַטור, קומט אַרוים דער געדאַנק פֿאָן ידיעה אונד בחירה *).

ווען דער מענש קען אויסאַרבייטען מעהר פּראָדוקטען, וויא זיין אייגענער געברויך איזט, ווערט אַזאַ קלאַסס מענשען, וועלכֿער פֿערנעמט זיך ניט אַליין מיט אַרבייט, אַ קליינע צאהל פֿאָן דעם קלאַסס פֿערברענגט געוואָהנליך דיא צייט אַ ביסעל מיט גייסטליכֿעס אונד ענטוויקלען דיא געדאַנקען, וועלכֿע דאס גאַנצע פֿאָלק האָט אנגעהויבֿען וועגען דעם צוא קלערען, אונד אַזויא ווערט דער געדאַנק מעהר פֿערברייטערט. דיא מענשען מיינען כּלומרשט אַז זייא זענען אַליין דערגאַנגען דעם געדאַנק

---

*) דיא חקירה פֿאָן יְדִיעָה אונד בְּחִירָה איזט זעהר אַ שווערע אונד אַ אונפֿערשטענדליכֿע, דען וויא באַלד מיר זאָגען אַז עס איז דאָ ידיעה, ד. ה. גאָטט וויים פֿאָראוים, וואס פֿיר אַ סאָרט מענש יענער וועט זיין אונד זיינע אַללע מעשים זענען אבגעשטימט נאָך איידער ער איז געבאָרען, היינט וויא קען זיין בחירה? וויא קען דער מענש האָבען אַ אייגענעם וויללען אונד טהאָן לויט זיין רצון, דאַצוא נאָך זיין פֿעראַנטוואָרטליך פֿיר זיינע מעשים אונד ווערען בעשטראָפֿט דאַפֿיר? היינט וויא קען דאָס זיין אַז גאָטט, וועלכֿער איז אַ מֶלֶךְ חֶסֶד זאָלל נעמען אַ בעשטימטע צאָהל מענשען אונד אבשטימען זייא פֿיר זינדיגע?

אונד האבען בעשאפען גאר א נייע אידעע, אבער אין אמת קען זיך קיין מענש ניט בעפרייען פאן דיא געדאנקען וועלכע הערשען ארום אין זיינער צייט, אונד קיינער, זאגאר דיא רעליגיאנס שטיפטער, טהוען קיין נייעס אויף, זייא ענטוויקקלען נור דיא אידעען, וועלכע געהן שאן ארום צווישען פאלק. מיר ברויכען זיך דא ניט פערברייטערן וועגען דער אידעע פאן ידיעה אונד בחירה, דען זיא געהערט ניט צוא אונזער זאך. דער וואס האלט אז היסטאריע איזט א לעהרע גלייך וויא אללע אנדערע לעהרונגען, ברויכט נור צוא וויססען, אז דיא אללע מעשים אונזערע טהוען מיר צוליב א געוויססע סבה, וועלכע האט אונז ערוועקט צוא דעם; דיא ערוועקונג זעלבסט קומט אויך ארויס פאן א געוויססע סבה, אונד ווען מיר וואלטען פאראוים וויססען דיא אללע סבות וואלטען מיר געקענט פארזאגען דיא פאלגען, וועלכע וועלען דורך דעם ארויס קומען; ווען, למשל, מיר איזט גוט בעקאנט דער חאראקטער פאן א געוויססען מענשען, קען איך אויף זיכער זאגען אז בייא דיא אונד דיא אומשטאנדע ווערט ער אזויא אונד אזויא זיך פיהרען, אונד דיעזעס טהאן. ווען איך בין מיך טועה אונד עס קומט פאר אנדערש וויא איך האב פארגעזאגט, איז ניט דער טעם, וויל ער האט זיך גובר געוועזן אויף זיין חאראקטער, נאר איך ברויך עס אנהענגען, אז איך האב ניט גוט געוואוסט דיא בעדינגונגען אין וועלכע דער מענש געפינט זיך.

וויא ווייט דיא גייסטליכע מעשים פאן דער געזעללשאפט פאלט ארונטער אונטער א בעשטימטען ארדנונג, ערוויססען מיר זיך פאן דער סטאטיסטיק. מען קען זאגען אז קיין איין פערברעך איזט ניט אזויא ארונטער געווארפען אונטער פערשיעדענע סבות, וועלכע זענען נור מקרים, וויא רציחה. אבוואל יעדע רציחה

איזט געוואָהנליך פֿערבונדען מיט דעם פֿריהערדיגען גייסטליבען לעבען פֿאָן רוצח, דאָך קומט פֿאַר יעדע רציחה וויא א פלוצלינגע זאַך, וואס איז געקומען פֿאָן אַזאַ סבה, וועלכע מען האָט ניט געקענט פֿריהער פֿאָרזעהן אַז עס וועט זיך אַזויא טרעפֿען, זאָגאַר אַ זאָלכע רציחות, וועלכע הייסען שאָן בעטראַכטע, ווענדט זיך דאָך אויך ניט בלויז אָן רוצח, דען דער צווייטער, אויף וועלכען דער רוצח פֿאַלט אָן, קען זיך דאָך אַבוועהרען, עס קענען אָנקומען מענשען, אונד נאָך זאָלכע פֿערשיעדענע סבות, וועלכע קענען שטערען דעם בעטראַכטען פלאַן פֿאָן רוצח, דאָך ווערט רציחות געטהאָן מיט אַזאַ שטענדיגע בעשטימטע גלייכקייט אונד העננגט אָב פֿאָן בעשטימטע אָרדנונגען, פונקט וויא דער שטראָם פֿאָן מעער אונד דיא טוישונג דער צייט פֿאָן יאָהר. דער געלעהרטער קעטלע, וועלבער האָט זיין גאַנצען לעבען מקדיש געוועזן אויף קלייבען סטאַטיסטיקעס פֿאָן פֿערברעכערייא אין פֿערשידענע לאָנדער, איזט געקאָממען צוא אַזאַ בעשטיממונג: אַללעס וואָס געהט אָרונטער אונטער פֿערברעכערייא האָבען איממער דיעזעלבע ציפֿער, זאָגאַר זאָלבע רציחות, וועלכע קומען נאָך אַ מַחלוקת, וואָס אין פֿלוג דאַכט זיך אַז עס איז אַ טראָף, בעמערקט מאַן אין זייא אַ געוויססע שטענדיגע גלייכע ציפֿער. דיעזעס האָט געזאָגט דער ערשטער סטאַטיסטיקער אין אייראָפּא, אין יאהר 1835. פֿאָן דאַן אָן דערגעהט מאַן, וואָס אַמאָל מעהר, וויא ריכטיג דיא ווערטער זענען. יעטצט ווייס מאַן פֿיר אַ בעשטימטען פֿאַקט, אַז מען קען גיכער וויססען דיא צאָהל רציחות, וואָס וועט זיין, וויא דיא פֿהיזישע געזעטצע, וואס איז אַנגעהעריג צוא מעדיצינא. דיא צאהל מענשען, וואס מען האָט געמשפּט פֿיר פֿערברעכערייא אין פֿראַנקרייך, צווישען דעם יאהר 1826 אונד 1844, האָבען זיך גראַדע אויסגעגלייכט אין

סך־הכל מיט דעם צאהל זכרים, וואָס איז אין דיא זעלבע צייט געשטאָרבען אין פאַריז, מיט דעם אונטערשיעד, אַז דער חלוק פֿאָן איין יאהר צום צווייטען איזט בייא פֿערברעכערייא געוועזען אַ קלענערער וויא בייא דיא ציפֿער פֿאָן שטאַרבען.

דאָס וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט וועט אויסקומען זעהר וואונדערליך פֿיר דיא, וועלכע מיינען אַז דעם מענשענס מעשים זענען מעהר אַבהאֶנגיג פֿאָן זיין אייגענעם רצון, וויא פֿאָן דעם גאַנצען שטאַנד דער געזעללשאַפֿט. אָבער נאָך מעהר וועט זייא אויסקומען וואונדערליך דיעזער פֿאַקט: פֿאָן אַללע פֿערברעכערייא הענגט, דאַכט זיך, קיינס ניט אַזויא אָב פֿאָן דעם אייגענעם וויללען, וויא, זיך־זעלבסט־ערמאָרדען, דאָך אַללע פֿאַקטען, וועלכע מיר האָבען ברענגען אונז אָן שום צווייפֿעל צוא דער בעשטימונג, אַז זיך זעלבסט ערמאָרדען איזט אַבהאֶנגיג אָן דעם שטאַנד פֿאָן דער גאַנצער געזעללשאַפֿט, אונד יעדעס פֿער־ברעכען איזט נור אַ פּראָדוקט פֿאָן דיא פֿריהערדיגע אַללגעמיינע בעדינגונגען. אין פֿערשיעדענע קאַנטען, פֿאָן וועלכע מיר האָבען ידיעות, זעהט מאַן, אַז דיא צאָהל מענשען, וואָס ערמאָרדען זיך זעלבסט אין איין קאַנט, איזט דאָרט כמעט יעדעס יאָהר דיא זעלבע ציפֿער. נור דאַן ווען אין איין יאהר קלייבען זיך גראַדע מעהר אויף דיא אַללגעמיינע בעדינגונגען, וועלכע ברענגען דאַצו, מאַכט זיך דעם יאָהר אַ חלוק. אין לאָנדאָן ווייס מאַן אַז אַ ערך 240 מענשען ברויכען זיך יאָהרליך זעלבסט ערמאָרדען. אין קרייזים יאָהר 1843 האָט זיך דיא ציפֿער אויף געהויבען ביז 266. פֿאָן 1847־טען, ווען עס האָט אַנגעפֿאַנגען זיך צופֿערענדערען דער מאַטעריאַלישער שטאַנד צום גוטען, איזט אויך דיא ציפֿער פֿאָן זיך־זעלבסט־ערמאָרדען געפֿאַלען ביז 256. אין 1848 איזט געוועזען 247, אין 1849—213 אונד אין 1850—229.

פֿאָן דעם קענען מיר שליעסען, אז פֿערברעכעריי קומען ארויס ניט אזויא פֿיעל פֿאָן דיא שלעכטע זיטטען פֿאָן דיא איינצעלנע מענשען, וועלכע טהוען דאס פֿערברעך, וויא פֿאָן דעם גאַנצען שטאַנד דער געזעללשאַפֿט וואו דיא זינדיגע זענען פֿערוואָרפֿען געוואָרען. מען קען בעשטימט זאָגען אז דיא געזעללשאַפֿט גרייט אן פֿערברעכעריי אונד דער מענש איזט ניט מעהר וויא אגעוועהר, מיטוועלכע דיא געזעללשאַפֿט טהוט דאָס פֿערברעך.

ניט נור אין פֿערברעכעריי האָט מאַן געפֿונען, אז עס געהט ארונטער אונטער א בעשטימטען אָרדנונג מיט א איינפֿאַכען בעשטימטען גאַנג, נאָר זאָגאַר אַנדערע גייסטליכע מענשליכע זאַכען, וויא, למשל, שכחה (פֿאַרגעסען) פֿאַלט אויך ארונטער אונטער א בעשטימטען שטענדיגען געזעטץ, פֿאָן וועלכען מען געהט ניט אראָפּ. אונד ניט נור אביסעל תבואה אויפֿ'ן פֿעלד, לויט דעם דין תורה, פֿערגעסט מאַן, נאָר פראָסט אויפֿשרייבען אדרעססען אויף בריעף, הימטען אללע יאהר דיא זעלבע צאהל מענשען אפ צוא פֿערגעססען. דיא פּאָסטשטאָווע קאָנטאָרען אין פּאַריז אונד אין לאָנדאָן האבען יעמצט ארויס געגעבען א סטאַטיסטיק פֿאָן דיא בריעף, וועלכע ווערען יאָהרליך אריין געוואָרפֿען אין דיא קעסטליך אָהן אדרעססען, פֿאָן דער סטאַטיסטיק זעהען מיר א וואונדערבארע זאך: כמעט אללע יאהר גלייכען זיך אויס דיא ציפֿער, זאָ דאָס מען קען אויף זיכער פֿאָרזאָגען אז איבער א יאהר וועלען אזויא פֿיעל מענשען האָבען פֿערדרייטע קעפּף אונד פֿערגעססען שרייבען אדרעססען אויף בריעף. אלזאָ, וויא מיר זעהען, אז אללעס איזט איינפֿאַכיג אונד געהט געוואָהנליך מיט א גלייכען וועג, פֿערשטעהט מען לייכט אז דער מענש

פיהרט ניט דיא היסטאָריע לויט זיין רצון, נאָר ער איז זעלבסט אבהאָנגיג פאָן אנדערע זאכען. פאָן דעם קומען מיר צוא דער אידעע, אז דער מענש איזט פערבונדען מיט דער נאַטור אונד זייא ווירקען איינע אויף דיא אנדערע. אונד ווען עס איז נאָך ביז אהער ניט ערקלערט געוואָרען דיא היסטאָריע מיט נאַטור-וויססענשאפט, איזט ענטוועדער דאדורך, וואָס דיא היסטאָריקער האָבען נאָך ניט בעמערקט דעם פאַקט, אָדער זייא האָבען שוין יאָ בעמערקט, נאָר זייא האָבען נאָך ניט קיין ריכטיגען בעגריף פאָן דעם.

צווייטע קאפיטעל.

ווען מיר וועלען בעטראַכטען דיא נאַטור קראַפטע, וועלכע האָבען אַ איינדרוק אויף דעם מענשליכען געשלעכט, וועלען מיר געפינען אז מען קען עס אַרונטער נעמען אונטער פיער הויפט טהיילען, נאָמליך: קלימאַט, שפייז, ערד, אונד דער אויסען-וויינינגסטער אויסזעהען פאָן דער נאַטור. דאָס לעטצטערע קומט דעם מענשען אימּמער אויס צוא זעהן, ווירקט עס דאדורך אויף זיין פאָרשטעלונג אונד דענקען, אונד פאָן דעם ענטוויקקעלט זיך ביי איהם בעשטימטע אַרט געדאַנקען. ווען, למשל, דער אויסזעהען פאָן דער נאַטור איז אַ וואונדערליכע, ווערט דאָס גאַנצע פאָרשטעלונג בייא דיא מענשען אַללעס וואונדערליך אונד דיא רעליגיאָן וויערע איזט אויך מיט נסים ונפלאות. דיא 3 כחות: קלימאַט, שפייז אונד ערד, זענען צוזאַממען געבונדען. דער קלימאַט פאָן קאַנט מאַכט אז דאָרט וואַקסט אַזאַ סאָרט שפייז. דיא שפייז ווידער איז אַבהאָנגיג פאָן דעם סאָרט ערד,

אויב אַ פײַכטע אָדער אַ טרוקענע ערד א. ז. וו. מאַכט אַ איינדרוק אויף דיא קוואַליטאָט (איכות, качество) פאָן דער שפייז.

דיא פאָלגען, וואָס קומען אַרויס פיר אַ פאָלק פאָן דיא 3 יסודות: קלימאַט, שפייז אונד ערד, וועלכע ענטוויקקלען דעם חאַראַקטער פאָן מענשליכען געשלעכט, איזט דאָס, וואָס עס קלייבט זיך אָן אַ זאַפּאַס פּראָדוקטען. דורך דעם זאַפּאַס קען דאָס פאָלק פּרוּוועןפאָן עץ הדעת אונד אָנהויבען זיך אַביסעל ענטוויקקלען. אָבוואָהל דיא וויססענשאַפט פערגרינגערט אונד פער־קירצט דיא אַרבּייט אונד צוליב דעם ווערט אַ זאַפּאַס פּראָדוקטען מעהר וויא דער געברויך איזט, אָבער ביים אָנפאַנג, ווען דאָס פאָלק שטעהט נאָך אויף דיא ערשטע שטופע, מוז פריהער זיין דער זאַפּאַס נאַכהער קומען יעטצט דיא ערוואָרבענע ידיעות צוא הילף אונד נוטצען אויף צוא פאַרגרינגערען דעם מענשען דיא מיטלען פאָן חיונה. כל זמן דער מענש איז פערנומען בלויז מיט דעם זוכען דיא נאָטהיגע פּראָדוקטען פאָן לעבען, איז ער אַריין געטהאָן נור אין גשמיות, אונד האָט ניט קיין צייט אונד חשק צופערנעמען זיך מיט רוחניות. גאָר פאָן דאַן אָן, ווען דער מענש הייבט אָן צו אַרבּייטען מיט זאָלכע מיטלען, דורך וועלכע ער אַרבּייטעט אויס מעהר וויא זיין אייגענער געברויך, דאַן בלייבט שאָן יעדען איבער אַביסעל לײדיגע צייט, וועלכע ער קען בענוטצען אויף קלערען ניט דוקא וועגען חומר. ווען דער זאַפּאַס ווערט גרויס, ענטוויקקעלט זיך אַזאַ קלאַסס מענשען, וועלכע אַרבּייטען גאָר ניט, אַ קליינע טהייל פאָן דעם קלאַסס פערנעמט זיך געוואָהנליך מיט רוחניות. נאַכהער ווען דער זאַפּאַס איזט שאָן דאָ, געפינען זיך נאָך אַנדערע סבות (אונפאָלע причины), וועלכע פיהרען דעם מענשען, וואָס אַמאָל פאַר־ווערטס, אָבער ביז דאַן איזט דער פּראָגרעס אַבהאָנגיג נור פאָן

ענערגיא דער ארבייט אונד פאן דיא בעלאהנונג, וועלכע דער מענש בעקאממט פאן דער נאטור פיר זיינע ארבייט. דיא בעלאה-נונג פאן ארבייט איזט לויט דיא פרוכטבארקייט פאן דער ערד, דיא פרוכטבארקייט אדער אונפרוכטבארקייט פאן דער ערד איזט דאן געוועזן אבהאנגיג בלויז אן איהר כימישע צוזאממענשטעלונג, אן דיא לופט א. ז. וו. יעטצט געוואהנליך האבען מיר שאן אייגענע מיטלען דורך וועלכע מיר העלפען מיט דיא ערד זיא זאלל זיין פרוכטבאר, אבער דאן האט מען פאן דעם אלעם ניט געוואוסט, אונד דערהויפט איז דער מענש אבהאנגיג געוועזן אן דעם שטאנד פאן זיין ארומיגער נאטור, וועלכע האט מיט איהם געוועלטיגט, דאן האט דער מענש געוואוסט נור פראסט פהיזיש ארבייטען מיט זיין ענערגיא. אבער דער מענש זאלל קענען ארבייטען ענערגיש, ווענדט זיך אן דעם קלימאט. א הייסער קלימאט מאכט עצלות (פוילקייט) אונד גיט ניט דעם מענשען פאהיגקייט צוא ארבייטען, דען ווען א מיטעלער קלימאט מאכט דעם מענשען מוטהיג אונד גיט איהם חשק צוא ארבייטען, דארט וויעדער ווא עס איז שטארק קאלט, שטערט עס דעם מענשען דיא ארבייט אונד עס האט דעריבער, אין פיעל הינזיכ-טען, דעם זעלבען איינדרוק אויף דיא ענטוויקקלונג פאן מענשען, זויא אין דיא שטארק הייסע ארטער.

אין אזיא האט זיך דיא ציוויליזאציא געפונען נור אין דעם גרויסען שטח, ווא דיא ערד איז געוועזן אויף זאפיעל פרוכטבאר, אז זיא האט פערויכערט דעם מענשען מיט דיא שטופע פאן רייכטהום, אהן וועלכע עס קען זיך ניט אנפאנגען א גייסטליכע ענטוויקקלונג. דער שטח ציהט זיך פאן מזרח זייט זיד-חינא ביז דיא ברעגעם פאן מעריב קליין אזיא, פיניקא אונד פאלעסטינא. צום צפון זייט פאן דעם גרויסען שטח ציהען זיך גרויסע מדבריות,

אין וועלכע עס זענען געזעסען ווילדע וואַנדראָווגע שבטים, וואָס זענען, צוליב דיא אונפּרוכטבאַרקייט פאָן דער ערד, געוועזען שטענדיג אָרעם אונד געבליבען ווילד אונד פאַרגרעבט דיא גאַנצע צייט, וואָס זייא זענען דאָרט געזעסען. ווען דיא זעלבע ווילדע שבטים האָבען זיך בעזעטצט אין חינא, אינדיא אונד פערסיא האָבען זייא פאַרפיהרט גרויסע מלוכות, אונד געקאָממען אויף דיא זעלבע שטופע ציוויליזאַציא, וויא דיא אַלטע מלוכות, וועלכע זענען שאָן דאָרט לאַנג געזעסען. דאס זעלבע דיא אַראַבער, כל זמן זייא זענען געזעסען אין זייער לאַנד, וואָ דיא ערד איז זייער טרוקען אונד אונפּרוכטבאַר, זענען זייא געוועזען אָרעם אונד ממילא פאַרגראָבט אונד אונוויססענד. ווען אָבער זייא האָבען אין VII יאהרהונדערט איינגענומען פערסיא, אין VIII-טען דאס בעסטע טהייל פאָן שפּאַניא, אין IX פונדשואַב אונד אַם ענדע כמעט גאַנץ אינדיא אונד זיך בעזעטצט אין זייערע נייע אָרטער, האָבען זייא זיך שטאַרק אומגעביטען. דאָס זעלבע פאָלק, וועלכע איז בייא איהר אין לאַנד געוועזען אָרעם אונד האַלב ווילד, האָט יעטצט אומגעביטען איהר מאַטעריאַלישען שטאַנד אונד דאַדורך געוואָרען ציוויליזירט. דאָס זעלבע זעהען מיר בייא מִצְרַיִם, וועלכע געפינט זיך אין אַפריקא זאָגאַר אויף אַזאַ אָרט, וואָ דיא ערד זעלבסט איז אונפּרוכטבאַר אונד דיא אַללע אַנדערע שבטים, וועלכע געפינען זיך אין דעם קאַנט מיט אַזאַ סאָרט ערד, זענען זיא ווילד. נאָר מצרים האָט דיא טייך נלוס, וועלכע פאַרגיסט זייערע פעלדער אונד מאַכט דאַדורך דיא ערד שטאַרק פרוכטבאַר. אָט דעריבער האָט זיך דאָרט אָנגעקליבען אַ זאַפּאַס אונד זיא איז געוואָרען אַ ציוויליזירטע לאַנד, זאָ דאָס עס איז אַ גרויסער קאָנטראַסט פאָן איהר ביז דיא אַללע איבעריגע פאָלקער פאָן אַפריקא.

אין אייראָפּא האָט געווירקט אויף דער ציוויליזאַציא דער קלימאַט, וועלכער, וויא מיר ווייסען שאָן, האָט געגעבען דעם מענשען דיא ענערגיא צוא אַרבייטען, אונד פאָן מענשען זעלבסט איז געוועזען אַבהאָנגיג ער זאָל, וואָס אַמאָל מעהר עררייכען רייכטהום. דעריבער זעהען מיר דעם חלוק צווישען דיא ביידע ציוויליזאַציעס. אין אַזיא איז זיא געקאָמען פאָן דער נאַטור זעלבסט, דיא ערד האָט אַרויסגעגעבען איהר פרוכט אונד דער מענש האָט בענוטצט דיא פרוכט פיר זיך. ווען דיא ערד האָט אַרויסגעגעבען מעהר וויא דער מענש ברויכט, האָט ער געהאַט אַ זאַפּאַס אונד דאַדורך צייט אויף צוא ענטוויקלען זיך אַביסעל. אָבער דיא נאַטור איז אַ שטעהענדע זאַך. זיא מוישט זיך ניט, געהט ניט ווייטער אונד איז אימּמער דאָ. דעריבער האָט זיך דיא ציוויליזאַציא אין אַזיא פריהער אָנגעפאַנגען, ווייל דיא סבה פאָן דעם, ד. ה. דיא נאַטור, איז דאָך דאָרט געוועזען גלייך מיט'ן מענשען, דערפאַר אָבער איז זיא ניט ווייט אַוועק אונד דיא ציוויליזאַציא איז דאָרט געבליבען שטעהען אויף איין שטופע, אונד ניט געגאַנגען, וואָס אַמאָל פאָרווערטס. אין אייראָפּא, וואָ דיא סבה פאָן דער ציוויליזאַציאָ איז דעם מענשענס אַרבייט אויך, אָבוואָל זיא האָט זיך דעריבער שפּאָטער אָנגעפאַנגען, יעדאָך שטעהט זיא יעטצט פיעל העכער וויא אין אַזיא, ווייל דעם מענשענס אַרבייט איז אונבעגראָנצט זיא איז פיעל פרייער וויא דיא נאַטור. מיר האָבען זאָגאַר קיין מיטעל צוא טרעפען דעם גרענעץ, וואָ דער שכל פאָן מענשען זאָל ברויכען צוא בלייבען שטעהען אונד ניט קענען אַרבייטען ווייטער אויף צוא ערווערבען נאָך מעהר ציוויליזאַציא.

ווען עס פינגט זיך אן דער סאָרט אַרבייט, בייא וועלכער עס קלייבט זיך אן אַ זאַפּאַס, ווערט ער צוטהיילט צווישען 2

קלאַססען מענשען: אַרבייטער אונד ניט־אַרבייטער, פֿאָן וועלכע דיא ערשטע איז דאָס גראָססערע צאָהל, אונד דיא צווייטע דיא קלענערע אונד דיא פֿאָהיגערע. דער זאַפֿאַס פֿאָן וועלכען עס שפּייזען זיך דיאביידע קלאַססען, ווערט אויסגעאַרבייט נור דורך דען ערשטען קלאַסס, וועלכער נעמט אַזאַ טהייל וויפֿיעל עס טרעפֿט אָן זיין אַרבייטס־פּרייז. זאָ באַלד אַרבייט איז אַ סחורה, וואָס האָט אַ פּרייז, מוז זיך עס געוואָהנליך טוישען, זאָ וויא עס טוישט זיך דער פּרייז פֿאָן אַללע אַנדערע סחורות. אונד אַזויא וויא דער פּרייז פֿאָן אַנדערע סחורות, איז פֿיעל אַבהאָנגיג פֿאָן דעם צוא עס געפֿינט זיך מעהר אָדער וועניגער וויא דער געברויך אין דעם איזט, אַזויא געוואָהנליך איז בייא אַרבייטס־פּרייז אויך. ווען אַרבייטער געפֿינען זיך מעהר וויא מאַן ברויכט פֿאַלט דיא אַרבייטס־פּרייז, ווען אָבער וועניגער וויא דער געברויך, איז דער פּרייז גראָססער. דאָס הייסט, ווען עס איז דאָ מעהר אַרבייטער, וויא דיא ניט אַרבייטס קלאַססע ברויכט, דאַן ווערען דיא פּראָדוקטען זאָ צוטהיילט, אַז איין קלאַסס נעהמט גאָר אַ סך אונד דער צווייטער קלאַסס זעהר אַ קליינעם טהייל; ווען אָבער אַרבייטער געפֿינען זיך נור זאָפֿיעל, וויפֿיעל דער געברויך איזט, דאַן איזט דער חלוק אין צוטהיילען דיא פּראָדוקטען ניט אַזויא גרויס, דאַן ווערט דאָס גאַנצע רייכטהום פֿאָן לאַנד צוטהיילט צווישען דאָס פֿאָלק אין אַ קלענערען חלוק. אַלזאָ, ווען מיר ווילען אויסלערנען דעם פּרייז פֿאָן אַרבייט מוזען מיר זעהען דיא נאַטור סבות, וועלכע העלפֿען מיט, אַז מענשען זאָלען זיך פֿערמעהרען אונד דורך דעם זאָל ווערען דער פֿאָרשלאַג פֿאָן אַרבייט מעהר וויא דער געברויך.

דאָס גראָסטע ווירקונג אויף צוא פֿאַרגראָסערען דיא

בּעפֿאָלקערונג פֿאָן אַרבּייטער איז, דער דריטטער נאַטור=וויר=קונגסקראַפֿט — שפּייז. וואָס מעהר עס געפֿינט זיך אונד וואָס בּילליגער עס איז שפּייז אין אַ לאַנד, אַללעס מעהר פֿערגרעסערט זיך דיא בּעפֿאָלקערונג, אונד זאָ נידעריגער איז דיא אַרבּייטס=פּרייז, וועלכֿער, וויא מיר וויסען שאָן, איז אַבּהאָנגיג אָן דעם צאָהל פֿאַרשלאַג פֿאָן אַרבּייט.

שפּייז האָט 2 ווירקונגען אויף דעם מענשענס אָרגאַניזם: זיא פֿערזאָרגט דיא וואַרמקייט מיט וועלכער דער קאָרפּער לעבּט, אונד זיא ערפֿיללט דיא שטענדיגע פֿערלוסט פֿאָן זיינע געוועבּע (ткани). צוא דיא ערשטע ווירקונג בּרויכט מאן, זאָ גענאַנטע, אָהן אזאָטנע שטאָף, וועלכֿע געפֿינט זיך אין דיא אָרגאַניזמען פֿאָן לעבּענדיגע בּעשאָפֿענישען. צוא דיא צווייטע ווירקונג בּרויכט מאן דוקא אַזאָטנע שטאָף, אונד דאָס געפֿינט זיך אין געוויקסע. אין דיא הייסע קאַנטען פֿערלירט דער מענש ניט זאָ געשווינד דיא קאָרפּערליכֿע וואַרמקייט, וויא אין דיא קאַלטע לאָנדער, דאַרום בּרויכט ער דאָרט וועניגער אָהן=אַזאָטנע שפּייז; אויך בּרויכט ער דאָרט ניט זאָ שווער צוא אַרבּייטען אויף צוא בּעקאָממען זיינע שפּייז, וויא אין דיא קאַלטע קאַנטען, וואָ מען בּרויכט שטרייטען מיט טהיערען אום צוא בּעקאָממען זייער פֿלייש, וועלכֿע ענטהאַלט אין זיך דיא אָהן=אַזאָטנע שטאָף, פֿערלירט דערוויל דער מענש אין דיא וואַרמע קאַנטען ניט זאָ פֿיעל אין זיינע געוועבּע, אונד בּרויכֿט זאָגאַר וועניגער אַפֿילו אַזאָטנע שטאָף. פֿאָן דעם זעהט מאן, אַז אין דיא וואַרמע לאָנדער בּרויכט זיך גיבֿער דיא בּעפֿאָלקערונג צוא פֿאַרגראָסערען וויא אין דיא קאַלטע, ווייל מען בּרויכֿט דאָרט וועניגער שפּייז, האָט שאָן ממילא יעדערער געגוג. וואָס דער קאַנט איז קעלטער דאַרף דער מענש אַללעס מעהר דיא שפּייז אין וועלכֿע עס

געפינט זיך אַסך קאָהלען-שטאָף, זאָ וויא מיר זעהען אז אין דיא פאָלאַרנע קאַנטען פערברויכט מען פיעל קיטאָווע פעטס, דאַן ווען אין דיא טראָפּישנע קאַנטען שפּייזט זיך דער מענש מיט פרוכט, רייז אָדער אַנדערע געוויקסע. שפּייז וועלכע ענט-האַלט אין זיך קאָהלען-שטאָף געפינט זיך אַסך וועניגער וויא געוויקסע, דאַצו קומט נאָך אוים שווער צוא אַרבייטען ביים בעקאָממען דעם סאָרט שפּייז, מאַן ברויכט זיך פיעל מאָל איינשטעלען אין סכּנות אונד שטרייטען מיט אַ געפאָהרליכעם טהיער. דעריבער אין דיא קאַלטע לאַנדער, וואָ דער מענש ברויכט שווער צוא אַרבייטען, ווערט ער באַלד אין אָנפאַנג דרייסטער, ענערגישער אונד פאָהיגער, וויא דער מענש פאָן דיא וואַרימע קאַנטען, וועלכער בעקאָממט לייכט זיין שפּייז. פאָן דעם אַללעם קומען מיר צוא אַזאַ בעשלוס: דיא נאָרמע פאָן אַרבייטס-פּרייז האַנגט אָב פאָן צאָהל מענשען, וואָס געפינט זיך אין דעם אָרט. דיא פערמעהרונג אָדער פערקלענערונג פאָן מענשען, איז אַבהענגיג פאָן דער שפּייז; שפּייז געפינט זיך אין דיא קאַלטע לאַנדער וועניגער וויא אין דיא וואַרמע, אונד דאַצו ברויכט ער נאָך דאָ מעהר וויא דאָרט, קומט אוים, אַז אין דיא וואַרמע לאַנדער געהט דיא נאָרמע פאָן אַרבייטס-פּרייז אַללעם צוא נידעריגער, אונד אין דיא קאַלטע אַללעם העכער.

מיר געפינען אין דער היסטאָריע קיין איין ביישפּיעל ניט געגען אונזער טהעאָריע (לעהרע). אין אַזיא, אַפריקא אונד אַמעריקא האָט זיך דיא אַלטע ציוויליזאַציא געפונען נור אין הייסע קאַנטען, אונד אין דיא אַללע אָרטער איז דיא אַרבייטס-פּרייז געוועזען זעהר אַ נידעריגע, אונד דיא אַרבייטס קלאַססע האָט זיך געפונען אין אַ אונגעהייער שלעכטע לאַגע. אין אייראָפּא אָבער, האָט זיך דיא ציוויליזאַציא אָנגעפאַנגען אין דיא קאַלטע

קאַנטען, איז דאָ דיא אַרבייטס קלאַססע ניט אַזוי שטאַרק פֿער־גראָסערט געוואָרען, אונד דאַדורך איז דאָרט דיא רייכטהום צוטהיילט געוואָרען צווישען פֿאָלק אין אַ קלענערען חלוק. דיא איינצעלנע אויסנאַהמע פֿאָן דעם אַלגעמיינעם געזעטץ, קען אויס־קומען אירלאַנדיא. נאָר גראַדע דיא אויסנאַהמע בעוויזט וויא ריכטיג דער געזעטץ איז. עס איז בעוואוסט אַז אין אירלאַנד שפּייזט זיך דיא אַרבייטס קלאַססע מיט קאַרטאָפּעל, וועלכע וואַקסט דאָרט זייער פֿיעל. קאַרטאָפֿעל איז זייער אַ פֿרוכטבאַרער פּראָדוקט, זאָ, דאָס אָבוואָל ווייץ ענטהאַלט אין זיך פֿיעל מעהר נאַהרהאַפֿט וויא קאַרטאָפּעל, נאָר אין פֿערגלייכען מיט דיא פֿרוכטבאַרקייט קומט אויס, אַז אַ אַקר פֿעלד, וועלכע איז פֿער־זאָעט מיט קאַרטאָפֿעל קען שפּייזען צווייא מאָל אַזוי פֿיעל מענשען, וויא ווען עס איז פֿערזאָעט מיט ווייץ. דאַדורך האָט דיא אירלאַנדישע פֿאָלק געברויכט פֿערגראָסערען זיך צווייא מאָל אַזויא פֿיעל, וויא אַ פֿאָלק, וועלכע שפּייזט זיך מיט ווייץ. אונד עס איז טאַקי אַזויא געוועזן. מען האָט בעמערקט, אַז ביז דיא צייט, וואָס דעם פֿערמעהרען זיך פֿאָן פֿאָלק האָבען געשטאָרט אַנדערע סבות, וויא עמיגראַציא, אונד דיא קרענק פֿאָן קאַרטאָ־פֿעל, דורך וועלכע זיא האָט אויפֿגעהערט זיין זאָ פֿרוכטבאַר, ביז דאַן פֿלעגט אין אירלאַנד אַלע יאהר צוקומען 3%, דאַן ווען ענגלאַנד איזט צוגעוואַקסען נור מיט 1½% יאָהרליך. דיא פֿערמעהרונג פֿאָן פֿאָלק האָט פֿערגראָסערט דיא פֿאָרשלאַג פֿאָן אַרבייט אונד געבראַכט דאַצו, אַז דער אַרבייטס־פּרייז איז געפֿאַל־לען ביז דיא נידעריגסטע נאָרמע, וויא, למשל, 4 פּענסען (אַ ערך 25 קאָפּ.) אַ טאָג.

דיא וויטערע חקירות אונזערע וועלען בעווייזען, אַז בייא אַ שטענדיגע נידעריגע אַרבייטס־פּרייז, ווערט דאָס רייכטהום

פאָן לאנד צוטהיילט זייער ניט גלייך. דיא ניט גלייכע צוטהיי-
לונג פאָן רייכטהום ברענגט צוא ניט גלייכע צוטהיילונג אין
דיא פּאָליטישע אונד געזעללשאַפטליכע מאַכט. מיט איין וואָרט
מיר זעהען אַז דיא פהיזישע אונד דיא גייסטליכע וועלט זענען
צוזאַממען געבונדען, אונד פאַללען אַרונטער אונטער בעשטימטע
געזעטצע. מיר וועלען ברענגען איינינע ביישפּיעלע פאָן דער
היסטאָריע דער אַלטער וועלט. לויט דיא סבות, וואָס מיר
האָבען פריהער פאָרגעלייגט, האָבען דיא מענשען פאָן אינדיע,
וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר הייסען קלימאַט, בעדאַרפט
געברויכען מעהר געוויקסע וויא פלייש, אָדער אַנדערע עסענ-
וואַרג, וואָס געפינט זיך אין לעבענדיגע ברואים. דיא זעלבע
הייסע טעמפּעראַטור האָט אָפּגעשוואַכט דעם מענשענס ענערגיע
צוא אַרבייט, אונד געמאַכט אַז ער האָט געברויכט האָבען אזא
שפּייז, וועלכע ענטהאַלט אין זיך פיעל נאַרהאַפט אונד מען
קריגט עס לייכט, אום ער זאָל ניט ברויכען שווער אָדער אַ סך
צוא אַרבייטען וועגען דעם. פאָן גאַנץ אַלטע צייטען איזט דיא
געוואָהנליכע שפּייז אין אינדיא ר י י ז, וועלכע איז נאַהרהאַפ-
טער פאָן אַללע תבואות אונד איז פרוכטבאַר, 60 מאָל אַזויא
פיעל וואַקסט אויס, וויא פיעל מען פערזאָעט. יעצט האָבען זייא
איבערגעטוישט דיא רייז אויף אַ אַנדער תבואה, וועלכע הייסט
ר א ד ש ו ע, אָבער ניט אויף פלייש, וועלכע, וויא מיר האָבען
שאָן פריהער געזאָגט, איז ניט מסוגל צוא יענעם קלימאַט.

דיא בעזאָנדערהייט פאָן קלימאַט אונד שפּייז, האָט גע-
בראַכט אין אינדיא צוא אַ אונגעהייער ניט גלייכען צוטהיילען
דעם רייכטהום, וויא עס איז אימער אַזויא אין דיא אָרטער,
וואָ דער פאָרשלאַג פאָן אַרבייט איז מעהר וויא דער געברויך.
דיא ידיעות, וואָס מיר האָבען פאָן 3000 ,2000 יאהר צוריק,

וויזט, אַז דאָרט איז דאַן געווען אַזאַ אָרדנונג וויא יעצט. מיר געפֿינען, אַז דיא האָבערע קלאַססען זענען, זאָ וויא יעצט, געווען אונגעהייער רייך, אונד דיא נידעריגע שרעקליך אָרעם.

צוא ערקענען אויב דיא אַרבייטס פּרייז אין אַ לאַנד שטעהט הויך אָדער ניט, קען מאַן אויף אַזאַ אַרט: אַזויא וויא רייכטהום בעשטעהט פֿאַן 4 יסודות: אַרבייטס פּרייז, רענטע, פֿערדינסט אונד פּראָצענט; פֿערשטעהט זיך אַז ווען אויף רענטע אונד פּראָצענט געהט אַראָפּ גרעסערע חלקים, וויא עס קומט אוים אויף זייא לויט דעם גלייכען צוטהיילען, בלייבט אויף אַרבייטס פּרייז איבער אַ קליינע טהייל געגען זייא. אין אינדיא איז רענטע אונד פּראָצענט געשטאַנען הויך. לויט דיא „געזעטצע מענו", וועלכע זענען געווען מיט 2,800 יאהר צוריק, האָט זיך אָבגעשטימט דער מינימום אין 15% אונד דער מאַקסימום אין 60% נאָך אין יאהר 1810 האָט זיך פּראָצענט אין אינדיא געווינט צווישען 36—60%. וואָס איז אַנגעהעריג אַן רענטע, וועלכע דער ערדאַרבייטער צאָהלט דאַפֿיר, וואָס ער בענוטצט זיך מיט יענעמס ערד, איז אין אינדיא דער מינימום, לויט געזעטץ, אַ העלפֿט איינקינפֿט פֿאַן יאָהר, דאַן ווען אין ענגלאַנד אונד אין שאָטלאַנדיא איז ניט מעהר וויא אַ $1/4$, אין אַמעריקא נאָך קנאַפּער, דאָרט געפֿינט זיך זאָלכע ערטער וואָ עס עקזיסטירט נאָר דער נאָמען רענטע, מיט איין וואָרט: דיא בעלאָהנונג פֿאַן אַרבייטער אין אינדיא איזט כקליפּת השום געגען דעם פֿערדינסט פֿאַן דיא האָבערע קלאַססען.

אַזויא וויא אין אינדיא, אַזויא אויך אין עגיפּעט (מצרים), וועלכע האָט געהאַט דיא זעלבע בעדינגונגען, אַ פֿרוכטבאַרע ערד מיט אַ הייסען קלימאַט, האָט זיך דאָרט אַנגעקליבען רייכטהום אונד דאַדורך בעקאָממען ציוויליזאַציאַ; אונד אַזוי וויא

אויף דיאביידע לאַנדער האָבען געווירקט גלייכע געזעטצע, איז נאַטירליך אַרויס געקאָממען גלייכע רעזולטאַטען. ווען מיר וועלען גוט אַריין קוקען, וועלען מיר זעהן, אַז זייא האָבען ביידע געהאַט פונקט דיא אייגענע בעדינגונגען. וואָס רייז איז פיר דיא פרוכטבאַרע קאַנטען פאָן אזיא, דאָס איז פיניק פיר אַפריקא. פאַלמען בוימער געפינען מיר פאָן טייך טיגר ביז דעם אַטלאַנטישען מעער, כמעט אין גאַנץ אַפריקא צום צפון פאָן עקוואַטאָר. דיא בוימער זענען זייער פרוכטבאַר, אונד שטעלען צוא שפייז פיר מיליאָנען מענשען אונד טהיערען. אין עגיפּעט, אַזויא וויא אין אינדיא, איז דיא ציוויליזאַציא געקאָממען צוליב דיא פרוכטבאַרע ערד. דיא פרוכטבאַרסטע טהייל פאָן עגיפּעט (מצרים) איז סאַאיד, דאָרט געפינען מיר טאַקע דיא גרעסטע קינסטע אונד וויססענשאַפט. אין סאַאיד געפינט זיך אַ שפייז וועלכע הייסט „דורראַ", איז זיא זאָ פרוכטבאַר אַז פאָן איין קערענדיל קומט אַרויס 240. דיא עגיפּטיאַנער האָבען ניט נור געהאַט בילליג שפייז, נאָר אויך געברויכט ווינציג, וויא מיר וויסען שאָן, אַז אין אַ הייסען קאַנט ברויכט דער מענש ווינציג שפייז, דיא ביידע זאַכען האָבען שטאַרק פערמעהרט דיא צאהל מענשען. הייגט האָט דאָרט דיא אָרימע קלאַססע געקאָנט לייכט האָדעווען זייערע קינדער, דען אין אַזאַ הייסע טעמפּעראַטורא האָבען זייא געקענט געהן נאַקעט. דאָס אַללעס האָט מיטגעהאָלפען אַז דיא בעפאָלקערונג זאָלל ווערען שטאַרק פערגראָסערט. וועגען דעם איז דאָ גאַנצע ספורי מעשיות, אונד דיא אַלטע רייזענדער, אַבוואָל אין פרטים (דעטאַלען) צושיידען זייא זיך, אָבער אין כלל זענען זייא אַללע מודה, אַז דאָס פאָלק האָט זיך דאָרט זעהר גיך געמעהרט. אויך זענען זייא אַללע געקומען צוא איין דעה, וועגען דיא נידעריגע לאַגע אין וועלכע דער המון האָט

זיך געפונען. דיא גרויסע געביידעס, וועלכע זענען געבליבען שטעהן ביז היינט, זאָגען עדות אויף דעם גייסטליכען שטאַנד פאָן פאָלק, וועלכע האָט עס געסטראָיעט. מען זאָל אויפשטעלען זאָלכע אונגעהייער גרויסע געביידעס, דאַן ווען זייא זענען אין גאַנצען אוננוטציג, קען אַנדערש ניט זיין נור אַז דיא רעגיערער זענען טיראַנעס אונד דאָס פאָלק קנעכט. אין עגיפּעט, זאָ וויא אין אינדיא, האָט מאן געשטראָבט נור צוא שטיטצען דיא האָבערע קלאַססען אונד דריקען דיא נידעריגע. צווישען דיא ערשטע אונד דיא צווייטע איז געווען אַ גרויסע ניט דורכגעהענדע גרוב. ווען איינער פאָן דעם צווייטען קלאַסס האָט זיך געמישט אין פּאָליטישע פראַגען, פלעגט מאן איהם דאַפיר שטרענג בעשטראָפען אונד באַין אופן האָט זיך ניט ערלויבט אַ ערדאַרבייטער, אַ בעל מלאָכה א. ז. וו. צוא האָבען אייגענע ערד, דיא אַרבייטס קראַפט פאָן גאַנצען נאַראָד איז געווען אונטער דעם בעפעהל פאָן קליינעם טהייל. אָט דאָס האָט געגעבען מאָגליכקייט אויפצושטעלען זאָלכע פּיראַמידען, וועלכע דיא קורצזיכטיגע רעכענען פיר אַ צייכען פאָן ציוויליזאַציא, אָבער אין אמת זענען זייא אַ שאַנדליכע מצבה פאָן אַבערגלויבען אונד נאַרישקייט, אי פאָן דיא אונגליקליכע, וועלכע האָבען עס געסטראָיעט, אי פאָן דיא פּוסטע בעל גאוה׳ס, וועלכע האָבען געהייסען סטראָיען. אויף אויפשטעלען אַ פּיראַמיד האָבען געברויכט אַרבייטען 3 הונדערט אונד 60 טויזענד מענשען צוואַנציג יאהר.

ווען פאָן דער געשיכטע פאָן אזיא אונד אַפריקא, וועלען מיר איבערגעהן נאָך אַמעריקא, געפינען מיר דאָרט נאָך ראיות צוא אונזער טהעאָריא, וועגען דיא בעדינגונגען, וועלכע ווירקען צוא שטעלען דעם מענשען אויף דיא אָדער יענע שטופע פאָן ציוויליזאַציא. דיא איינצעלנע אָרטער וואָ עס איז געווען אין

אַמעריקא, אַביסעל ציוויליזאַציא, איידער דיא אייראָפּייער זענען אָנגעקומען, איז מעקסיקא אונד פּערו. אין אַמעריקא, פּונקט וויא אין אַזיא אונד אַפריקא, האָט זיך דיא ציוויליזאַציא געפונען נור אין דיא הייסע אָרטער. נאָר וועגען אַמעריקא מוזען מיר ערמאָנען נאָך אַ פּהיזישע ווירקונג, וועלכע איז נאָך ניט עראינערט געוואָרען בייא אונז. עס איז בעוואוסט, אַז אויסער אַנדערע פּונקטען, האָט אויך אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דיא פרוכטבאַרקייט פאָן דער ערד: וואַרמקייט אונד פייכקייט. וואָס איז אַנגעהעריג צום צווייטען עלעמענט — פייכטקייט —, איז אַללע גרויסע טייכען געפינען זיך אין מזרח זייט, אונד דאַן ווען פייכטקייט געפינט זיך איבערהויפּט אין מזרח זייט, געפינט זיך וואַרמקייט אַם מייסטען אין מעריב זייט. דיזע אונפערשטאַנדליכע ערשיינונג האָט געמאַכט אַ בעזאָנדערע איינדריק אויף דיא אַלטע ציוויליזאַציא פאָן אַמעריקא. אַזויא וויא דער ערד צום צפון פאָן מעקסיקא האָט געפעהלט, פאָן איין זייט וואַרמקייט, פאָן דער צווייטער זייט פייכטקייט, אונד בייא איהר האָט זיך ניט צוזאַמענגעבונדען דיאביידע הויפּט פּונקטען פאָן פרוכטבאַרקייט, איז שוין ממילא דאָרט ניט אויפגעקליבען געוואָרען אַ סך זאַפּאַסען אונד צוליב דעם האָט שוין בייא זייא ניט געקענט קומען דיא ענטוויקלונג דער מענשהייט אויף דיא שטופע, וועלכע אינדיא אונד עגיפּטען האָט זיך געפונען. אין מעקסיקא אָבער האָבען זיך צוזאַממען געקליבען דיא ביידע בעדינגונגען: בעוואַססערונג אונד וואַרמקייט. אונד אַזויא וויא אין יעדער קאַנט פאָן אַמעריקא האָט שטאָנדיג געפעלט איינע פאָן דיא בעדינגונגען, איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס דיא ציוויליזאַציא פאָן נאָרד אַמעריקא האָט זיך צוזאַממען געקליבען אין מעקסיקא. וואָס איז אַנגעהעריג צוא זיד אַמעריקא, געפינען זיך דאָרט דיא טייכען צוזאַממען מיט דער

וואַרמקייט, דעריבער צייכֿענט זיך אויס זיך אַמעריקא, איבערהויפּט דיא זיד בראַזיליא, מיט אַזאַ גרויסע פרוכֿטבאַרקייט, וועלכֿע געפֿינט זיך ניט אין נאָרד אַמעריקאַ אפילו אין דיא ערטער, וועלכֿע געפֿינען זיך אונטער דיא זעלבע ברייטע (Широта).

נאָר אין בראַזיליאַ ווירקט נאָך אַ ווירקענדע קראַפֿט, זאָ גענאַננטע, פּאַססאַטנע ווינטען, וועלכֿע בלאָזען אָהן אַ אויפֿהער, דאָ פֿאָן נאָרד=אָסט, דאָ פֿאָן זיד=אָסט. דיא פּאַססאַטנע ווינטען, וועלכֿע געהען דורך דאָס אַטלאַנטישע מעער קלייבען אין זיך אָן פֿיעל וואַססער=פּאַרע, וועלכֿע ווערט געדיכֿט וויא רעגין וואָלקינס אונד דיא גאַנצע פֿייכֿטקייט וייערע לאָזען זייא איבער אויף דיא בראַזילישע ערד, ווייל וויטער קענען זייא ניט געהן, דען עס שטערען זייא דיא גרויסע בערג, וועלכֿע הייסען אַנדי. דיא ביידע מעלות, איבער הויפּט דיא מַעֲלָה פֿאָן פֿיעל בעוואַססערונג האָט געמאַכֿט, אַז דאָרט איז איטמער געוועזן פֿיעל פֿערשיעדענע געוויקסע. דאַדורך געפֿינט זיך דאָרט פֿיעל פֿערשידענע טהיערען, שלאַנגען אונד שרָצים. דאָרט געפֿינט פֿיר זיך שפּייז פֿאָן דאָס קלענסטע וואָרמיל ביז דיא גרויסע סטאַדעם ווילדע פֿיה. נאָר צווישען דער מילדקייט פֿאָן דער נאַטור, צווישען דעם בלעסק איז ניט געבליבען אַ אָרט, וואָ דער מענש זאָל קענען צולעגען זיינע אַרבייט. ער פֿערלירט זיין ווערטה צווישען אַזאַ גרויסע קראַפֿט פֿאָן דער נאַטור וואָס רינגעלט איהם אַרום. איהם שטעהט ענטקעגען זאָלכֿע נאַטור קראָפֿטע, וועלכֿע ער איז קיינמאָל ניט אים שטאַנד געווען דאָס בייצושטעהן. גאַנץ בראַזיליא, אָבוואָל זיא איז זאָ פֿרוכֿטבאַר, דאָך איז זיא שטענדיג געווען אַ ווילדע לאַנד. דער בראַזילישער נאַראָד ווייס פֿאָן קיין שום קונסט וויא אַזויא בייצושטעהען דיא שטערונגען, וועלכֿע זענען זאָ שטאַרק. ערד=אַרבייט איז כּמעט אונמאָגליך צוליב דיא

פֿיעל קריכענדע פֿליעגען אונד היישעריקען, וועלכע פֿערניכטען דיא אללע תבואות. דיא בערג זענען זאָ גרויס, דאָס מען קען אויף זייא ניט אַרויף, דיא טיכען זאָ ברייט, דאָס מען קען קיין בריקען ניט סטראָיען אונד יעדער ווינקעל איז דאַדורך אָבגעזונדערט פֿאָן צווייטען, עס איז נישט דאָ קיין פֿערבינדונג דורך געמאַכטע וועגען, אללעס איז עפּעס וויא געמאַכט געוואָרען פֿאָן דער נאַטור אויף צוא פֿערשטיקען דעם מענשליכען שֵׂכֶל אונד ניט לאָזען ענטוויקלען זיך זיין ענערגיא. אין ערגעץ געפֿינט מאַן ניט אַזאַ גרויסע אונטערשייד צווישען דיא גרויסקייט אונד שטאַרקייט פֿאָן דער אויסענווייניגסטען וועלט, מיט דער שוואַכקייט פֿאָן דער אינגערליכען וועלט דעם מענשענס. דער שכל, וועלכער איז געוועזען אָנגעשראָקען פֿאָן אַזאַ קריג מיט ניט גלייכע כּחות, איז ניט נור ניט פֿעהיג געוועזען געהן פֿאָרוועדטס, נאָר אָהן זייטיגע הילפֿס מיטלען, וואָלט ער געווים געגאַנגען צוריק. זאָגאַר יעטצט, בייא אללע קינסטליכע פֿערבעסערונגען פֿאָן דיא אייראָפּאָער, איז נאָך דאָס לאַנד געגוג ווילד, דיא זיטטען פֿאָן דיא מענשען איז נאָך פֿאַרגראָבט וויא געוועזען. בראַזיליא איז צוואַנציג מאָל זאָ גרויס וויא פֿראַנקרייך, דאָך געפֿינט זיך דאָרט ניט מעהר וויא 6 מיליאָן מענשען.

פֿאָן דעם זעהען מיר, אַז ווען דיא כּחות פֿאָן דער נאַטור געהען איבער דעם געוויסען גרענעץ, איז אונמעגליך אַז דיא ניט ציוויליזירטע מענשען מיט זייער ביסעל וויססענשאַפֿט זאָללען קענען געוועלטיגען מיט דיא נאַטור קרעפֿטע אָדער אָנווענדען זייא פֿיר דעם מענשענס נוטץ. ווען אָבער דיא כּחות בלייבען אין דעם גרענעץ אין וועלכען עס איז מעגליך מיט זייא צוא געוועלטיגען קומט אַרויס דער אָרדנונג, וועלכען מיר האָבען געזעהן אין אַזיא אונד אַפֿריקא, וואָ דיא נאַטור האָט נאָך מיטגעהאָלפֿען אויף דיא

ענטוויקלונג דער מענשהייט. אַלזאָ, ווען מיר לערנען דיא פֿהיזישע פונקטען פֿאָן וועלכֿע אין אָנפֿאַנג איז אַבהאֶנגיג געווען דיא ציווי־ליזאַציא, מוזען מיר קוקען ניט בלויז אויף דיא רייכֿקייט פֿאָן דער נאַטור, נאָר אויך וויא ווייט עס איז מעגליך בענוטצען זיך מיט זייא. אָט דער פונקט, אַז דיא רייכֿקייט דער נאַטור זאָל זיין אין דעם גרענעץ אין וועלכֿען עס איז מעגליך צוא בענוטצען זיך דער מיט, אָט דער פונקט איז געווען אין מעקסיקא אונד אין פערו. אין דיא בײדע לאֶנדער, זאָ וויא אין אַזיא, איז זייער הויפט געברויכֿענדע שפייז, דיא קוקורוזאַ, זאָ פֿרוכֿטבאַר אַז פֿאָן איין קאָרנ'דיל קומט אַרויס 400 אונד זאָגאר 800. נאָך קוקורוזא געהט קאַרטאָפֿעל, וועלכֿע האָט מיטגעהאָלפֿען, וויא מיר ווייסען שאָן, דיא פֿערמעהרונג פֿאָן מענשען אין אירלאַנד.

הײנט איז אין מעקסיקאַ אונד אין פערו פֿערשפרייט אין איין אונגעהייערער מענגע באַנאַנען געוויקסע. וויא ווייט דיא באַנאַנען זענען פֿרוכֿטבאַר איז גענוג, ווען מיר וועלען זאָגען, אַז זיא איז 44 מאָל פֿרוכֿטבאַרער אַלס קאַרטאָפֿעל אונד 133 מאָל אַלס ווייץ. אין אַמעריקא איז אָט דיא מערקווירדיגע געוואוקס פֿערבונדען מיט דיא פֿהיזישע געזעטצע פֿאָן קלימאַט, דען זיא וואַר איינע פֿאָן דיא נאָטהיגסטע שפייזע פֿיר דעם מענשען דאָרט וואָ דיא הייסע טעמפעראַטור געהט איבער אַ געוויסען גרענעץ. וועגען דיא נאַהר־האַפֿטיגע קראַפֿט איהרע איז גענוג ווען מיר וועלען זאָגען, אַז אַ אַקר פֿעלד, וועלכֿע איז פֿערזאֶעט מיט באַנאַנען קען שפייזען פֿונפֿציג מענשען, דאַן ווען דער זעלבער אַקר אין אייראָפא איז פֿערזאֶעט מיט ווייץ קען ער שפייזען ניט מעהר וויא צוויא מענשען. יעטצט קענען מיר לייכֿט פֿאַרשטעהען פֿאַר וואָס מעקסיקא אונד פערו גלייכֿט זיך אין פֿיעל זאַכֿען אוים מיט אינדיא אונד עגיפּטען. אין דיא אַללע לאֶנדער האָט זיך געפֿונען פֿיעל וויססענשאַפֿט,

געוואָהנליך האָט עס קיין ווערטה, ווען מיר וועלען עס מעסטען מיט אַ אייראָפּעאישע מאָס, אָבער דאָך איז עס זעהר גרויס אין פֿערגלייכֿען מיט דיא פֿערגרעבטע ווילדקייט, וואָס האָט געהערשט בייא אַנדערע פֿאָלקער זייערע שכֵנִים. אין דיא אַללע פֿערשיעדענע קאַנטען, מעקסיקא, פּערו, עגיפּטען און אינדיא זעהען מיר וויא דאָס פֿאָלק איז צוטהיילט געוואָרען אויף זאָלכֿע קאַסטעס, העכֿערע אונד נידעריגע קלאַססען. מיר זעהען בייא זייא גלייך דיא דריקונג פֿאָן דיא שטאַרקע אויף דיא שוואַכֿערע, דער לוקסוס אונד פּזִרְנוּת פֿאָן דיא רייכֿע מיט דיא מאַנגעל־האַפֿט אונד עֲבֹדוֹת פֿאָן דיא אָרימע מיט נאָך זאָלכֿע ניט גלייכֿע צוטהיילונג פֿאָן רייכֿקייט אונד פּאָליטישע קראַפֿט. אין פּערו, למשל, זענען אַללע אָבצאָהלונגען געלעגען נור אויף דיא אָרימע קלאַססען. דאָס פֿאָלק האָט ניט נור קיין רעכֿט געהאַט זיך צוא בעזעטצען וואו ער האָט געוואָלט, נאָר ער האָט זאָגאַר ניט געהאַט דאָס רעכֿט איבערצוטוישען זיינע בעשטימטע קליידער, וועלכֿע האָבען איהם אויסגעצייכֿענט פֿאָן דיא העכֿערע קלאַססען מיט זייערע טייערע געפּוצטע קליידער. יעדער האָט געקענט זיך פֿערנעמען נור מיט דיא סאָרט אַרבייט מיט וועלכֿע עס איז איהם לויט דעם געזעטץ ערלויבט. דאָס געזעטץ האָט פֿאָרגעשריבען, וואָס פֿיר אַ סאָרט קליידער יעדער קלאַסס זאָל טראָגען, וועלכֿע קלאַססען מענשען מעגען צווישען זיך מִתְחַתֵּן זיין זיך אונ מיט וואָס פֿיר אַ פֿערוויילונגען מען מעג פֿערברייגגען. בייא דיא מעקסיקאַנער איז אויך דיא זעלבע אָרדנונגען, דען דיא איינענע נאַטור פּונקטען האָבען דאָרט געווירקט, געוואָהנליך איז געווען אַ חִלוּק אין קליינינקייטען, אָבער אין אַללגעמיין האָבען זיך דיא ביידע פֿעלקער אויסגעגלייכֿט, אַז בייא זייא איז געווען צווייא קלאַססען מענשען: העכֿערע טיראַנעס אונד נידעריגע קנעכֿט. לויט דיא מעקסיקאַנער מִנְהָגִים האָט דער זון

געיִרשֶׁט זאָגאַר דיא אַרט בעשעפטיגונג פאָן פאָטער אונד געמווט בלייבען דער זעלבער געשעפטס מאַן, בַּעַל־מְלָאכָה אָדער ערד־אַרבייטער. דאָס אַללעס האָט געוואַקסען פאָן דעם קאָנסער־וואַטיווען גייסט ניט אויפצוטהאָן קיינע נייעס, וויא דער טאַטע אונד דער זיידע האָט זיך געפיהרט אַזויא ברויך מאָן זיך וויטער צוא פיהרען. דער גייסט האָט אויך געווירקט אויף זייער רעליגיאָן אונ האָבען געהאַט גרויס דֶרֶךְ אֶרֶץ פיר אַללעס, וואָס איזט אַלט אונ וואַקסט פאָן לאַנגע צייטען, אונ האָבען פערהאַסט אַ נייע רעפאָרם, פונקט וויא דיא עגיפטיאַנער, וועלכע האָבען זיך שטענדיג געהאַלטען ביא דיא אַלטע מנהגים אונד ניט געוואָלט איינפיהרען נייע. דיא ביידע קאַנטען האָבען זיך אין דעם אויס־געגלייכט, ווייל עס וואַקסט פאָן איין סִבָּה: דאָס וואָס דיא העכערע קלאַססע האָט געהערשט מיט דיא נידעריגע, אונד פיר זייא האָט ניט געטויגט קיינע רעפאָרמען. דעריבער זעהען מיר אויך אין מעקסיקא אונ פערו, פונקט וויא אין עגיפּעט, דיא אוננוטצליכע אַרבייט אויף אוננוטציגע געביידעס. אין פערו, למשל, האָבען געאַרבייט אויף דעם קייזערליכען פאַלאַץ 20,000 מענשען 50 יאָהר.

דאָס אַללעס, וואָס מיר האָבען פריהער געבראַכט בעוויזט אונז אויף ריכטיג דיא פהיזישע געזעטצע, וועלכע האָט מיט־געבראַכט, אין דיא ניט אייראָפעאישע לאָנדער, דאָס אויפגע־קליבענעם רייכטהום וועלכע איזט ניט גלייך צוטהיילט געוואָרען אונד דאַדורך האָבען דיא העכערע קלאַססען בעקאָמען דען מאָנאָפאָל פאָן געזעלשאַפטליכע אונ פאָליטישע קראַפט. פאָן דעם ווידער איז אַרויס געקומען, אַז דאָס גרעסטע טהייל פאָלק, וועלכע איז געווען ערנידערט, איז ניט מיטגעגאַנגען מיט דעם אַללגעמיינעם פראָגרעס, דעריבער האָט זיך דיא גאַנצע ציוויליזאַציא

געהאלטען אויף הינערשע פיסלאך, אונ עס איז גאנץ פערשטאנדליך, וואס בייא יעדען פארקאממענדען שלעכטען אומשטאנד, וועלכער איז געקאממען פאן א זייט, איז דיא ציוויליזאציא אין גאנצען אומגעפאלען.

ביז אהער האבען מיר גענוי ארומגערעדט דיא 3 פהיזישע ווירקענדס=קראפטע, וויא קלימאט, שפייז אונ ערד, וואס פיר א ווירקונג זייא האבען געהאט אויף דיא ניט אייראפעאישע לאנדער. יעטצט ברויכען מיר בעטראכטען דיא פיערטע ווירקענדע קראפט, וועלכע מיר רופען: דאס אויסענוויינגסטע אויסזעהן פאן דער נאטור. זא וויא מיר האבען בעמערקט, אז שפייז, קלימאט אונד ערד, האבען איבערהויפט געווירקט אויף דיא מאטעריאלישע אינטערעסען פאן מענשען, זא ריכטיג וועלען מיר זעהן אז דער חאראקטער פאן אויסענוויינגסטען אויסזעהן דער נאטור האט שטארק געווירקט אויף דעם קאפיטאל פאן שכל, אויף דיא איננערליכע וועלט דעם מענשענס. דאס, וואס מיר נעמען ארונטער אונטערן נאמען: אויסזעהן דער נאטור, ווערט צוטהיילט אויף צווייא טהיילען, פאן וועלכע איינע ווירקט אויף דיא פארשטעלונג, פאנטאזיא פאן מענשען; דיא צווייטע — אויפן פערשטאנד, אויף דיא לאגישע ארבייט פאן מענשענס מארך. נאמליך: דארט, וואו דיא נאטור איז גרויזאמס, שטארק און ניט צוטרעטענד, לעגט זיך איין אין מענשען איינע ערקענונג פאן זיין שוואכקייט און אונטערטהאניגקייט צוא אנדערע, ניט פאן איהם אבהאנגענדע כחות און ער ערקענט דיא שוואכקייט פאן זיין אייגענעם רצון, וועלכער קען גאר וויניג העלפען. דארט אבער, וואו דיא נאטור איז שוואך און בעגרענצט, איז פערקערט; דארט ערקענט דער מענש זיין שטארקייט איבער דיא אויסערליכע וועלט און ער בייגט זיא מאקי אונטער זיין וויללען,

ער לערענט אוים דיא געזאָטצע, וועלכע הערשען אין דער נאַטור, און ווען אֲפילו ער קען זייא ניט בּיישטעהן, ווייס ער דאַפיר צוא פערהיטען זיך פאָן זייא. וואָס איז אַנגעהעריג צוא דער ווירקונג פאָן דיא אויסערליכע נאַטור בּעמערקען מיר, אַז אַללעס, וואָס ערוועקט אין אונז שרעקק, בּרענגט עס צוא דער אירעע פאָן אָדָם לַהֶבֶל דָמָה, כְּשׁוּל כְּחֶרֶם הַנִשְׁבָּר, אַז דער מענש איז אַ שוואַכינקע בּעשעפּענעש. דער שכל זיינער, וועלבער ערשרעקקט זיך פאָן דיא אַללע וואונדער, וועלכע ער קען עס ניט בּעגרייפען, האָט קיין דרייסט צוא קלערען און זוכען דיא סבּות פאָן דעם. דאָרט אָבּער, וואָ דיא נאַטור איז אַבּיסעל שוואַכער פיהלט זיך דער מענש אַביסעל שטייפער; עס ערוועקט זיך אין איהם דער גייסט פאָן וועלען וויססען און פערשטעהן אַללעס, וואָס דיא אויגען זעהען; ער לערענט דיא נאַטור, מאַכט פראָבען און דערגעהט דיא געזעטצע מיט וועלכע זיא פיהרט זיך. דיא ווירקונג פאָן דער אויסערליכער נאַטור אויף דעם מענשענס פאַנטאַזיא בּעמערקט מאַן איבּערהויפּט אין דיא אָרטער, וואָ דיא ערשטע ציוויליזאַציא איז געוועזען. אין אַזיא, אַפריקא און אַמעריקא ערוועקט דיא אויסערליכע נאַטור מעהר שרעקק וויא אין איירָאָפּא. ניט נור דער שטענדיגער שטאַנד זייערער, וויא גרויסע הויכע בּערג, גרויסע טייכען א. ז. וו., נאָר זאָגאַר דיא צייטליכע ערשיינונגען, וויא ערד-ציטערנעש, בּורעס, שטורעמווינדען אונד מַגֵפות. עס איז בּעוואוסט, לְמשל, אַז דיא שרעקקליכסטע פאָן אַללע געפאָהרליכע נאַטור ערשיינונגען איז ערד-ציטערנעש, דען דאַן איז איינגעשטעלט דעם מענשענס לעבען מיט אַללעס, וואָס דיא גאַנצע מענשהייט האָט בּיז דאַן דאָרט געאַרבּייט, און מיר זעהען טאַקע וויא דיא געפאָהרליכע ערשיינונג ווירקט שרעקליך שלעכט אויף דעם גייסטליכען

שטאנד פאן דיא נאציאנען בייא וועלכע דיעזע ערשיינונג קומט אפטער פאר. אין פערו, למשל, ווא ערד־ציטערנעש טרעפט זייער אפט, צייכענט זיך טאקע דאס פאלק אויס מיט איהר ציטערענדען און אונרוהיגען גייסט אונד איזט פערזונקען אין פערגראבטען אבערגלויבען. מיר געפינען דאס ביישפיעל אויך אין איירָאפא. ערד־ציטערנעש און דער אויסווארפען פאן דיא וואולקאנעס איז אפטערער און סטראשנער אין איטאליא און אין פירענאעשען האלב־אינזעל, וויא אין אללע איבעריגע קאנטען פאן איירָאפא, אונ דארט זעהען מיר טאקע, וויא דער שטארקער אבערגלויבען האט בעשאפען דעם שטארקען כח פאן דיא דארטיגע גייסטליכע. וויא וויים דער שרעקענדער כאראקטער פאן דער נאטור העלפט צוא פערשפרייטען אבערגלויבען אונד שטערט דיא וויססענשאפט קען מאן פערשטעהן פאן דעם.

יעדער אונוויססענדער מענש רעכענט איממער יעדע גע־פאהרליכע ערשיינונג פיר א זאך, וואס קומט פאן א אוננאטירליכעם וועזען, דאדורך איז ניט נור מען גיט זיך אונטער דער געפאהר־ליכקייט, נאר מען מאכט עס נאך פיעל מעהר פיר א גאטטהייט, דעריבער געפינען מיר איינינע ארטער, ווא דיא מענשען וויללען ניט, צוליב רעליגיאזישע פורכט, הרגנן דיא ווילדע טהיערען אונד שלאנגען. דערווייל ווערט דיא געפאהרליכקייט קיינמאל ניט קלענער, אונד דיא מענשען בלייבען צוליב דעם איממער אין איין שטאנד. אט מיט אזעלכע שטערונגען, וועלכע געפינען זיך ניט אין איירָאפא, האט זיך געבריכט קאמפפען דיא ציוויליזאציא פאן דיא הייסע לאנדער. דיא רויבענדע טהיערען, שטורעמ־ווינדען, ערד־ציטערנעש אונד נאך זאלכע געפאהרליכע ערשיינונגען האבען ניט אזויא פיעל שאדען געבראכט מיט דעם, וואס זייא

האָבען אומגעבראַכט דאָס לעבען פֿאָן פֿיעל מענשען, וויא דאַמיט, וואָס זייא האָבען איינגעוואָרצעלט אין דעם מענשען עהרענפֿורכט פֿיר אַללעס ניט פֿערשטאַנדליכֿעס, אַגשטאַדט נאָכֿצוקלערן אונד נאָכֿצודענקען דיא געהיימניסען אונד ענטדעקען דיא סבות פֿאָן דעם. צוא דעם אַלעם האָט נאָך מיטגעהאָלפֿען דער קלימאַט, וועלכער איז אין יענע אָרטער שוואַכֿער וויא אין אייראָפּא אונד דאָרט געפֿינט זיך פֿיעל מעהר קראַנקהייטען. במעט אַללע עפּי־דעמיעס, וועלכע האָבען אין פֿערשיעדענע צייטען חרוב געמאַכט אייראָפּא, קומט נאָר פֿאָן דיא הייסע לאָנדער, אונ דיא געפֿאָהר־ליכֿקייט פֿאָן קראַנקהייט, וועלכע ערינגערט אָן טוידט, ערוועקט זעהר צוא אַבערגלויבען, דען דער מענש ווייס דאָך ניט, וואָס דאָרט נאָכֿ'ן טוידט טהוט זיך; מיט'ן שכל קען ער עס ניט בעגרייפֿען, דעריבער גיט ער זיך איבער צוא דיא פֿיר איהם אונפֿערשטאַנדליכֿע איבערנאַטירליכֿקייט; דאָ געוואָלטיגט שאָן אין גאַנצען דיא פֿהאַנטאַזיא אונד דער שכל געהט אַוועק אָן אַ זייט. אין אייראָפּא האָט מאַן שטענדיג גערעכֿענט יעדע עפּידעמיא פֿיר אַ צייכֿען פֿאָן גאָטט'ס צאָרן אויף מענשענס חטאים. זאָגאַר יעטצט איז נאָך דיא אידעע ניט אויסגעוואָרצעלט געוואָרען אין גאַנצען אַפֿילו אין דיא געבילדעטע לאָנדער.

פֿאָן דעם אַללעם קומען מיר צוא דעם רעזולטאַט, וועלכען מיר האָבען געוואָלט בעווייזען, נאָמליך: 1) אַז עס געפֿינט זיך איינינע נאַטור ערשיינונגען, וועלכֿע ווירקען אויף דעם מענשענס שכל דאַמיט, וואָס זייא ערוועקען פֿהאַנטאַזיא; אונ 2) אַז דיא ערשיינונגען זענען פֿיעל מעהר אויסער אייראָפּא וויא אין איהרע גרענעצען.

אום ריכֿטיג דעם לעזער איבערצייגען אין דיזעם, וועלען מיר נעמען אַ ביישפּיעל פֿאָן דיא 3 הויפּט־אויסאַרביטונגען

פֿאָן דעם מענשליכֿען שכל: ליטעראַטור, קונסט אונ רעליגיאָן; אונד מיר וועלען עס פֿערגלייכֿען בייא דיא צווייא קאָנטראַסטען וויא גרעציא אונ אינדיא. אין דער אינדיאַנישער ליטעראַטור געפֿינען מיר בלויז פֿהאַנטאַזיא, אַלעס איז געשריבען געוואָרען מיט מליצות; זאָגאַר דקדוק, היסטאָריע, מאַטהעמאַטיק א. ז. וו. האָט מאַן געשרי־בען בדרך שיר. דאָס ערגסטע, וואָס קומט אַרויס פֿאָן בלויזע פֿאָרשטעלונגען ניט אַריין צוקלערען אין דער זאַך זעלבסט, איז דיא גרויסע עהרע אונד דרך אֶרץ פֿיר דיא אַמאָליגע צייטען, דיא עהרע.פֿורכֿט פֿיר אַלטקייט איז געגען דעם געזונדטען פֿערשטאַנד, דאָס וואַקסט נור פֿאָן פֿהאַנטאַזיא, וועלכֿע ליעבט צוא קוקען פּאָעזיש אויף אַלעס וואָס זיא ווייס ניט. דעריבער איז גאַנץ פֿערשטאָנדליך, וואָס אין דיא אַלטע צייטען, ווען דער פֿער־שטאַנד פֿאָן מענשען איז געוועזען פֿערשלאָפֿען, האָט זיך אין דער ליטעראַטור געפֿונען זאָלכֿע פּאָעזישע פֿאָרשטעלונגען וויא, למשל, אַז עס איז געוועזען אַמאָל אַ גאָלדענע וועלט, אין וועלכֿער עס איז געוועזען בלויז שלום, קיין שום שלעכֿטע תּאוה, דער מענש האָט קיינע עֲבירות ניט געטהאָן אונ עס איז ניט געוועזען קיין פֿערברע־כֿערייא. דיא זעלבע אידעע האָט אַרויף געפֿיהרט אויף דעם, אַז דיא אַמאָליגע מענשען זענען געוועזען מלאָכים, דיא ראשונים, דיא קַדמונים זענען געוועזען גרויסע צַדיקים, נאָר ביסלעכֿווייס איז אַזויא דער מענש אַראָפּ געפֿאַלען פֿאָן זיין הויכֿען שטאַנד. פֿאָן דיעזער אידעע האָט זיך אויך ענטוויקקעלט דער געדאַנק, אַז אַמאָל זענען מענשען געוועזען ניט נור בעסער אין גליקליכֿער, נאָר זאָגאַר אויך קאָרפּערליך שטאַרקער. דיא אידעע, אַז דיא אַמאָליגע מענשען זענען געוועזען העכֿער אי און גשמיות אי אין רוחניות, געפֿינען מיר אין איינינע קריסטליכֿע אונ אין פֿיעל יודישע ספרים, נאָר דיא פֿהאַנטאַזיא פֿאָן אינדוס געהט איבער דעם

גרענעץ. מיר געפינען, למשל, זאָלכע מַעשיות אין זייערע ביכער אַז אין דיא אַלטע צייטען האָבען געוואָהנליכע מענשען געלעבט 80,000 יאָהר אונד הייליגע מענשען 100,000 יאוהר.

דאָס איז נור אַ טהייל פאָן דיא ליעבע צוא אַלטקייט, פערבאָרגענהייט אונד גלייכגילטיגקייט צוא יעצטיגעם, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אויס דער שכל פאָן אינדוס אין אַללע פּרָטים פאָן דעם. ניט נור אין ליטעראַטור נאָר אויך אין רעליגיאָן אונ אין קונסט געפינען מיר זייער גאַנג פאָן פערשטיקען דעם לאָגישען פערשטאַנד אונ פערברייטען זיך מיט דיא פהאַנטאַזיא. אין דיא דאָגמאַטען פאָן זייער רעליגיאָן, אין דעם געבוי פאָן זייערע טעמפּלען זעהען מיר אַללעס וואונדערליכעס, שרעקליכעס אונ פהאַנטאַסטישעס. דאָס אַללעס וואַקסט נור דאַפאָן, וואָס דיא אויסערליכע נאַטור אין אינדיא זעהט מאַן אין גרויסע אונ שרעקליכע פאָרמען. אין גרעציא אָבער, דאָס אייראָפּעאישע לאַנד, איז דיא אויסערליכע נאַטור שוואַכער, שטעלט זיך פאָר אין קלענערען מאַסשטאַב, ווירקט זיא דאַדורך אַנדערש אויף דעם חאַראַקטער פאָן מענשען. ווען דיא נאַטור אין אינדיא ערוועקט אין מענשען מורא, איז אין גרעציא פערקערט, ערוועקט זיא צוטרוי. אָט דעריבער שטעלען זיך דיא אינדיאַנישע גאָטטער פאָר אין שרעקענדע פאָרמען, דאַן ווען דיא גריכישע גאָטטער זענען אַ תמונה פאָן דיא ריכטיגקייט דער נאַטור אונ פאָן מענשליכען גייסט. אָדער ריכטיגער, אין אינדיא האָט זיך דיא גאָטטהייט פאָרגעשטעלט אין אַ פאָרמע, וועלכע האָט פאָן זייא ערוויטערט דעם מענשען, אַזויא וויא דער מענש איז ווייט געוועזען פאָן דער נאַטור אונ האָט פיר איהר מורא געהאַט. אין גריכענלאַנד האָבען זייא פאָרגעשטעלט זייערע גאָטטער נאָהנטער אַפּיסעל צום מענשען, וויא עס האָט זיך זייא פאָרגעשטעלט

גאָהנט דיא גאַנצע אויסערליכע נאַטור, אונ מיר זעהן אַז אין גריכענלאַנד האָט דער מענש צוגעטרעטען מיט גרוים דרייסט צוא דער נאַטור אונ ערפאָרשט אַללעס, וואָס ער האָט געזעהן. ניט דוקא אין אינדיא אונ גריכענלאַנד זעהען מיר דיא פאַקטען, נאָר אַללעס וואָס מיר וויסען פאָן דיא ניט אייראָפּעאישע ציווילי־זירטע לאָנדער, בעווייזט אונז אויף ריכטיג דיא בעשטאָטיגונג פון דעם. אין אַמעריקא האָט מען אויסגעגראָבען אַלטע זאַכען, וועלכע בעווייזען אַז דאָרט, פונקט וויא אין אינדיא, האָט זיך דיא גאָטטהייט פאָרגעשטעלט אין אַ שרעקענדע פאָרמע. ניט דאָרט, ניט אין מעקסיקא אונ ניט אין פערו האָט דאָס פאָלק געוואָלט פאָרשטעלען דיא גאָטטער אין אַ מענשליכע פאָרמע. זאָגאַר דיא טעמפּלען זענען געבויט געוואָרען אויף אַזאַ אַרט, אַז זייא זאָלען ערוועקען שרעק. ביא דיא גריכען איז פונקט דער קאָנטראַסט, זייא האָבען גראָדע געבויט קליינע טעמפּלען. אַלזאָ זאָגאַר אין סטיל פאָן אַרחיטעקטורא געפינען מיר דעם גרונד, וועלכען מיר האָבען געלעגט צוא לערנען דיא ווירקונג פאָן דער נאַטור אויף דיא ציוויליזאַציאָן.

דריטע אונ פיערטע קאַפּיטעל.

פון דיא פאָריגע ערקלערונגען אונזערע, נעמען מיר אַרויס צוויא פאַקטען, מיט וועלכע מיר ברויכען לערנען דיא אַללגע־מיינע וועלט־געשיכטע. ערשטענס, אַז דיא נאַטור קראָפטע (כּחות הטבע), האָבען אין דיא ניט אייראָפּעאישע לאָנדער פיעל מעהר געווירקט, אויף דעם שטאַנד דער מענשהייט, וויא אין

דיא איירָאָפּעאישע. צוויטענס, אז דאָרט האָבּען דיא נאַטור קרעֶפטע געבראַכט פיעל שאָדען, אַי אין מאַטעריאֶלישען שטאַנד, דאַמיט וואָס דיא רייכטהום איז זעהר ניט גלייך צוטהיילט געוואָרען, אַי אין גייסטליכען, וואָס צוליב דיא דאָרטיגע וואונדערליכע נאַטור, איז דיא גאַנצע גייסטליכע אַרבּייט אַוועק נור אויף אַ זעלכע זאַכען, וועלכע ערוועקען פהאַנטאַזיא. אין איירָאָפּא אָבער, וואו דיא נאַטור אונ דער אויסענווייניגסטער אויסזעהן איהרער געפינט זיך אין אַ קלענערען אונ שוואַכערען מאַסשטאַב, איז דער מענש מעהר אימשטאַנד געווען בּייצוקומען דיא נאַטור, דאַדורך האָט ער גיכער אַוועקגעוואָרפען דיא אַבערגלויבּונגען, וועלכע קומען פון פהאַנטאַזיא אונ צוטהיילט דעם מאַטעריאֶלישען רייכטהום אַביסעל אָרענטליכער, אין פערגלייך מיט דיא ניט איירָאָפּעאישע לאֶנדער.

ווען מיר נעמען אָן דיא וועלט-געשיכטע פיר איין גאַנצע זאַך, ניט יעדעם קליינע טהייל בּעזונדער, זעהען מיר אַז אין איירָאָפּא האָט דער מענש געמאַכט אַ איינדריק אויף דער נאַטור, זיא איז אַביסעל נאָכגעגאַנגען נאָך זיין ווילען; אויסער איירָאָפּא אָבער, האָט דיא נאַטור געווירקט אויפ'ן מענשען אונ איהם געפיהרט; דעריבער ווען מיר ווילען פערשטעהן דיא געשיכטע פון אינדיא בּרויכען מיר אויסלערנען איהר מאַטעריאֶלישע נאַטור, אונ אום צוא פערשטעהן דיא געשיכטע פאָן פ ר אַ נ ק ר י י ך אָדער ע נ ג ל אַ נ ד בּרויכען מיר איבערהויפּט לערנען דיא אַרבּייט פון מענשען. מען קען זאָגאַר אין גאַנצען ניט אַוועק מאַכען דיא נאַטור, מען מוז מודה זיין, אַז אַפילו אין דיא ערטער וואו דער מענש איז שאָן געקומען אויף דער גאַנץ העכער שטופע פון ציוויליזאַציא, האָט נאָך דיא נאַטור אַ שטאַרקען כּח אונ ווירקט אויף דיא מענשליכע אַרבּייט, נאָר איהר קראַפט ווערט מיט

יעדען נייעם דור קלענער. וואָס מעהר מיר דערגעהען וויססענ־שאַפט דעסטאָ מעהר קענען מיר ענטוועדער איינצווימען דיא נאַטור זיא זאָל אונז ניט קענען שאַדען, אָדער מיר דערגעהען וויא צוא פערהיטען זיך פון איהר שאָדען.

וויא ווייט דיא וויססענשאַפט האָט אַ שטאַרקען איינדריק אין דער נאַטור, זעהט מען דאַפאָן, וואָס מענשען לעבען היינט אין אַללגעמיין לאָנגער וויא אַמאָל, אונ וואָס מעהר אַ פאָלק איז ציוויליזירט דעסטאָ מעהר לעבען דיא מענשען איהרע לאָנגער. אין איירָאפּא, וואו דיא נאַטור קראַפטע זענען אַביסעל שוואַכער, האָט דער מענש, מיט זיין וויססענשאַפט, זייא געזיעגט, ער האָט זייא געצוואונגען איבערצוטווישען זייער פאָריגען גאַנג אונ זייא מוזען דינען דעם צוועק פון פערבעססערן דעם מענשליכען לעבען. וואו מען זאָל זיך נאָר ניט אַ קער טהאָן זעהט מען דיא מלחמה, וואָס דיא וויססענשאַפט פיהרט מיט דער נאַטור אונ וויא זיא זיעגט אימער. צוא דיא פערפלייצונגען פון ים האָט דער מענש געמאַכט אַ גבול, ער זאָל מעהר קיין שאָדענס ניט אָנמאַכען.

באָרג זענען דורכגעשניטען געוואָרען אונ מען האָט פון זייא געמאַכט גלייכע ערד. אונפרוכטבאַרע ערד איז דורך דיא פאָרשריטטע פון חימיא געוואָרען פרוכטבאַר. עלעקטריא בעדינט אונז איף אַללע אונזערע פערלאַנגען, זיא איז אונזער משרת איבערצוגעבען אין ווייטע שטרעקעס אונזערע רייד. מגפות וועלכע דער מענש האָט קיינמאָל גאָר ניט געהאָפט בייצוקומען, זענען זייא היינט אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען.

בייא דעם יעצטיגען שטאַנד פון דער חימיא קען אַזאַ הונגער וויא אַמאָל ניט פאָרקומען *). אין אַזיא אונ אין אַנדערע טהיילען

---

*) יעצט ווייזט מען אויף, אז מען קען בעקומען נאהרהאפטע שפייז פון מינעראלען. א. ב.

דער וועלט, איז זאָגאַר דער אַרט מסחר אַבהאָנגיג געווען אָן דעם פֿהיזישען שטאַנד פֿון דער לאַנד, אָן איהרע טייבֿען, האַפֿען א. ז. וו. אין אייראָפּאַ אָבער איז דיא הויפּט סבּה פֿון מסחר דעם מענשענס ענערגיא. אַמאָל זענען יענע לאָנדער געווען דיא רייכֿערע, וועלכֿע דיא נאַטור האָט בעשאָנקט מיט איהר מילדקייט, יעצט אָבער — דיא, אין וועלכע דער מענש איז פֿעהיגער. פֿון דיא אַללע פֿאַקטען זעהט מען, אַז דער פּראָגרעס פֿון אייראָפּעאישער קולטור אונ ציוויליזאַציאָן חאַראַקטעריזירט זיך מיט'ן אָפּשוואַכֿען דיא ווירקונג פֿון דער נאַטור אונ פֿער־שטאַרקען דיא ווירקונג פֿאָן דער מענשליכֿער וויסענשאַפֿט.

וויא מיר זעהען, געוועלטיגט דער מענשליכֿער גייסט מיט דער אויסענווייניגסטער וועלט פֿון דער מענשהייט, אַלזאָ ברויכֿען מיר געוועהנליך דעם גייסט אויסצולערנען. דאַמיט האָבען זיך לאַנג פֿערנומען דיא מעטהאַפֿיזיקער (דיא וואָס ערקלערען אַללעס ניט פֿהיזיש נור גייסטליך). נאָר זייערע חקירות האָבען צום ריכֿטיגען צוועק ניט געבראַכֿט. זייא האָבען גערעכֿענט, אַז מען לערנט אויס דיא גייסטליכֿע אַרבייט פֿון איינצעלנע מענשען קען מען שאָן פֿערשטעהן דעם אַללגעמיינעם גייסט דער מענשהייט, אָבער דאָס איז אַ גרויסער טעות: מיט בלויזע חֲקִירות אָהן אַלל־געמיינע פֿאַקטען פֿון דער היסטאָריא קענען מיר ניט פֿערשטעהן ריכֿטיג דיא געזעטצע, וועלכע הערשען מיט'ן פּראָגרעס פֿון שֵׂכֶל דער מענשהייט. ווען מיר ווילל'ען לערנען דיא גייסטליכֿע וועלט קענען מיר דאָס אַנדערש ניט פֿערשטעהן נאָר פֿון דער אַרבייט פֿון גאַנצען מענשליכֿען געשלעכֿט. מיר וועלען דאָ ברענגען אַ ביישפּיעל ביי וועלכען מען האָט, דוכֿט זיך, געוויס געברויכֿט לערנען פֿון איינצעלנע מענשען, דאַמיט דאָס טהעאָריש צוא פֿערשטעהן, דאָך האָבען דיא אַללע טהעאָרישע חקירות ניט

געהאלפען. מיר מיינען דא דיא פערגלייכונג אין צאהל פון געבארען ביא זכרים און נקבות, צוא קענען וויססען, וועלכער מין ווערט מעהר געבארען? אום צוא אנטווארטען אויף דיא פראגע האבען געארבייט דיא פהיזיאלאגען און מעטהאפיזיקער. דיא ערשטע האבען גערעכענט אז דאס איז א איינפאכע פהיזישע זאך, א מענש קומט דאך ארויס פון א מענשען, דעריבער ווען מיר וויללען וויססען דיא צאהל געבארענע זכרים געגען נקבות ברויכען מיר אויסלערנען דעם מענשליכען ארגאניזם און פערשטעהן, וואס ווירקט אויף דעם אדער יענעם מין, דיא מעטהאפיזיקער ווידער האבען געזאגט, אז אויסלערנענדיג דעם גייסטליכען שטאנד פון איינצעלנע מענשען ערוויססען מיר זיך דיא געזעטצע, וועלכע הערשען מיט זייערע בעוועגונגען און דאדורך קענען מיר שאן פערשטעהן דיא בעוועגונג פון גאנצען מענשליכען געשלעכט, וועלכער שטעלט זיך אויף פון איינצעלנע בעוועגונגען. נאר דיא אללע לעהרונגען אויף איינצעלנע מענשען מיט אנאטאמישע אויספארשונגען האבען צוא קיין צוועק ניט געבראכט און מען האט ניט געוואוסט, וועלכער מין איז דא מעהר. מען האט איממער גערעכענט, אז דיא ביידע מינים גלייכען זיך אוים, ווען ניט, האט מען געקלערט, וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט געהאט, ביז מען האט אוועק געווארפען דיא אינדיווידואלע (איינצעלנע) פאקטען און גענומען זיך צוא דער היסטארישע מעטהאדע, אויפצוקלייבען פאדראבנע פאקטען פון דער אללגעמיינער מענשהייט, און אזויא ארום איז מען דערגאנגען דיא ריכטיגקייט. מען האט גאנץ איינפאך אנגעהויבען אומעדום פערשרייבען יעדעס געבארענעס קינד איז מען דערפון דערגאנגען אויף ריכטיג, אז אויף 20 נקבות ווערען געבארען 21 זכרים.

אבוואל עס טרעפט זיך אמאל א קליינע פערענדערונג,

דאָך קענען מיר דרייסט זאָגען, אַז דאָס געזאָטץ בלייבט. מיר ווייסען ניט פֿון קיין איין לאַנד וואו עס זאָל זיך זאָגאַר איין יאהר טרעפֿען, אַז זְכָרִים זאָלען דאָרט געבאָרען ווערען ווענינער וויא נְקֵבוֹת. אַלזאָ זעהען מיר, אַז כָּל זְמַן מען האָט געוואָלט דערגעהן דעם געזאָטץ אין פֿערהאָלטנים פֿון געבאָרענהייט בייא איין מין געגען צווייטען, דורך זאָלכע ענגע איינצעלנע פֿאַקטען, האָט מען גאָר ניט געקענט דערגעהן, וויא אָבער מען האָט זיך גענומען צוא אַללגעמיינע פֿאַקטען איז מען געקומען צוא דיא ריכטיגקייט.

אַזויא איז אויך וועגען מענשליכע גייסטליכע ענטוויקלונג, כָּל זמן מען וועט מהאָן וויא דיא מעטהאַפֿיזיקער אונ מען וועט לערנען איינצעלנע גייסטען וועט מען גאָר ניט דערגעהן, נאָר דאַן קען מען קומען צום ריכטיגען צוועק, ווען מען וועט דאָס גאַנצע אַללגעמיינע מענשליכע גייסט לערנען.

יעצט וועלען מיר זעהן, וויא דורך דיא היסטאָרישע מעטהאָדע קענען מיר גרינג אויסלערנען דיא געזעטצע פֿון גייסטליכע ענטוויקלונג. דיא ענטוויקלונג פֿון דער געזעללשאַפֿט בעשטעהט: אין וויססענשאַפֿט אונ זיטטליכקייט. יעדער פֿערשטעהט, אַז ניט דאָס הייכט פּראָגרעס, ווען אַ פֿאָלק, וואָס מעהר זיא ענט־וויקקעלט זיך אין וויססענשאַפֿט דעסטאָ מעהר ווערט זיא פֿערדאָרבען אין מדות, אָדער ווען האָבענדיג גוטע מדות ווערט זיא פֿערגרעבט אין וויססענשאַפֿט נאָר דיא בײדע זאַכען מוזען צוזאַמען מיטגעהן. ערוועקט זיך אָבער אַ פֿראַגע, וועלכער פֿון דיא ביידע עלעמענטען שפּילט דיא גראָססערע ראָלע אין גייסטליכען ענטוויקלונג פֿון פֿאָלקער? מיר קענען ניט זאָגען אויף זיכער, דאָס דער פּראָגרעס פֿון ענטוויקלונג דעם שׂכל זאָל אַליין געהן פֿאָרווערטס פֿון זיך זעלבסט, עס זאָל זיך מיט דער נאַטור איבערגעבען פֿון איין דור צום צווייטען אויף אַזאַ אַרט, אַז אין

מענשען זעלבסט זאָל זיין דער כח פֿון ענטוויקלונג, וואָס אַמאָל שטאַרקער וויא פֿריהער.

דער פּראָגרעס, סאַי דער זינגליכער סאַי דער זיטליכער, בעשטעהט ניט אין פֿערבעססערן דיא נאַטירליכע פֿעהיגקייטען דעם מענשענס, נאָר אין פֿערבעססערן דיא מיטלען צוא קענען זיך ענטוויקלען, ד. ה. אין פֿערבעססערן דעם שטאַנד אין וועלכען נאָכ'ן געבאָרען ווערען פֿאַנגען דיא פֿעהיגקייטען אָן צוא אַרבייטען. דאָס קינד, וועלכעס איז געבאָרען אין אַ ציוויליזירט לאַנד ווערט ניט דאַדורך אַליין העכער פֿון דעם, וועלכעס איז געבאָרען אין אַ ווילדעם לאַנד; אונ דעם חילוק, וואָס ווערט נאָכהער צווישען זייא, מאַכט דיא ווירקונג פֿון דעם אויסענווייניגסטען שטאַנד, מען מיינט דאַמיט דיא געדאַנקען, וויססענשאַפֿט, מיט איין וואָרט, דיא גאַנצע גייסטליכע אַטמאָספֿערע אין וועלכע זייא געפֿינען זיך. אין פֿערהאַלטניסע צוא דער גאַנצער מענשהייט קענען מיר דאַפֿון שליסען, אַז דער שטאַנד פֿון ענטוויקלונג אין שׂכל אונ זיטען פֿון מענשען איז אַבהאָנגיג אָן דיא גייסטליכע בעגריפֿען, וועלכע הערשען אין זייער צייט. עס געפֿינט זיך געוועהנליך אַ קליינע צאָהל מענשען, וועלכע שטעהען האָכער אָדער נידעריגער פֿון זייער צייט, אָבער דאָס גרעסטע טהייל האַלט זיך בייא דעם מיטעלפּונקט פֿון דיזע בעגריפֿען, ערוועקען ניט קיינע פֿראַגען, וואונדערן זיך ניט אויף קיין זאַך אונ האַלטען זיך בייא דיא בעגריפֿען פֿון וויססענשאַפֿט אונ זיטליכקייט פֿון דעם דור און לאַנד. דיא היסטאָריע בעוויזט, אַז דער שטאַנד פֿון בעגריפֿען טוישט זיך איממער, יעדעס דור האָט אַנדערע מיינונגען מיט אַנדערע בעגריפֿען. דאָס וואָס אין אַ געוויססע צייט האַלט מען פֿיר נאַריש אָדער אַפּיקורסיש נעמט מען עס נאָכהער אָן פֿיר אַ אַללגעמיינע בעוואוסטע ריכטיגקייט.

אַלזאָ ווען דיא נאָרמע פֿון מענשליכֿע גייסטליכֿע אַרבייט ד. ה. דיא בעגריפֿען מיט וועלכֿע מיר מעסטען דעם שטאַנד, טוישען זיך אַללע מאָל, פֿערשטעהט זיך אַז דיא בעדינגונגען, וועלכֿע מאַכֿען דיא נאָרמע ברויכֿען אויך זיין אימער אין בעוועגונג, דאַרפֿען זיך אימער טוישען. ווען מיר בעטראַכֿטען יעצט דיא ביידע פֿאַקטאָרען דאַפֿאָן ד. ה. דיא וויססענשאַפֿט אונ זיטטליכֿקייט אונ זעהען וועלכֿעס פֿון זייא איז מעהר ניט שטעהענד, מעהר טוישענד, ערוויססען מיר זיך וועלכֿעס הערשט מיט דיא גייסטליכֿע ענטוויקלונג פֿון פֿאָלקער. ווען מיר בעטראַכֿטען בעזונדער דיא זיטטליכֿע ענטוויקלונג, איבערציי‍גען מיר זיך באַלד, אַז זיא איז זעהר אונטוישענד, שטעהענד אונ ניט ריר‌עוודיג. עהרען עלטערן (כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ), ניט טראָגען שִׂנְאָה (לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ), ליעב האָבען דעם צווייטען וויא זיך זעלבסט (וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ) אין דעם אונ אין דעסגלייכֿען ענטהאַלטען זיך דיא יסודות פֿון זיטטליכֿקייטען. אָט דיא רעגעלן זענען שאָן בעוואוסט פֿון פֿיעל טויזענדער יאָהרען אונ קיין קוצו של יו"ד איז דאַצו נאָך ניט צוגעגעבען געוואָרען, ניט פֿון דיא טהעאָלאָגען (רעליגיאָנס געלעהרטע) אונ ניט פֿון דיא זיטטענלעהרער. בייא דיא וויססענשאַפֿטליכֿע ענטוויקלונג אָבער זעהען מיר, אַז זיא האָט אימער פראָגרעסירט, געטוישט זיך אונ געמאַכֿט אַ זעלכֿע נייע יסודות, וועלכֿע האָבען בעשאַפֿען גאַנצע לעהרעס פֿון וועלכֿע דיא אַלטע דענקער האָבען ניט געוואוסט, דאַן ווען דיא זיטטליכֿע יסודות זענען געבליבען אונריר‌ענד אונ אַלעס וואָס איז בעוואוסט אין אייראָפּא האָט מען אין דיא אַלטע לאָנדער אויך געוואוסט. אַלזאָ, דער זיטטליכֿער שטאַנד פֿון דער מענשהייט זייענדיג אונריר‌ענד האָט ניט געקענט האָבען אַזאַ איינדריק אויף דער רירענדער ציוויליזאַציאָן וויא דיא

רירענדע וויססענשאַפֿטליכֿע ענטוויקלונג. דער וויססענשאַפֿטליכֿער עלעמענט איז ניט נור זעהר פּראָגרעסיווער פֿיר דעם זיטטליכֿען, נאָר זאָגאַר דיא רעזולטאַטען זיינע זענען דויערהאַפֿטער. יעדע ערפֿינדונג פֿון שׂכל ווערט שטאַרק אָפּגעהיט און איבערגעגעבֿען פֿון איין דור צום צווייטען, אָבֿער דיא מעשׂים טובים פֿון דער זיטט־ליכֿקייט טראָגט אויף זיך מעהר אַ פּריוואַטנעם און פֿערבֿעהאַלטע־נעם חאַראַקטער, דאַדורך ווערט עס וועניגער איבערגעגעבֿען צום צווייטען דור, זאָגאַר אָרגאַניזירטע פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿטען געהען מיט דער צייט אַראָפּ פֿון זייער ריכֿטיגען צוועק, צוליבֿ מיסגעבּרויכֿע פֿון פֿאַלשע פֿאָרשטעהער אָדער אַנדערע אורזאַכֿען און ווערן צופֿאַלען, זאָ דאָס דער צווייטער דור ווייס שׁאָן דאַפֿון גאָר ניט. דאָס אַללעס בּריינגט אונז צום בּעשׁלוס, אַז וויססענשאַפֿט שטעהט פֿיעל העכֿער און בּריינגט זאָגאַר גוטס און רַחֲמָנוּת מעהר אויף דער וועלט וויא זיטטליכֿקייט, אָבוואָל יעדער גע־וואָהנליכֿער מענש שעצט מעהר זיטטליכֿקייט. נאָך מעהר, מיר זעהען אַז דאָרט וואו דיא זיטטליכֿע געפֿיהלען זענען שטאַרקער פֿון דיא וויססענשאַפֿטליכֿע בּרענגען זייא מעהר שאָדען וויא נוטץ. וואָס מעהר דער אונוויססענדער איז איבערגעגעבֿען אייננערליך מיט ריינע כַּוָנוֹת צום פֿערשפּרייטען זיטטליכֿקייט, דעסטאָ מעהר איז ער געפֿעהרליכֿער און שאָדליכֿער פֿיר דער געזעללשאַפֿט, איבער־הויפּט דאַן ווען ער האָט עפּעס אַ מאַכֿט אויף מענשען. דיעזעס בּעווייזט אונז דיא היסטאָריע פֿון רעליגיאָנס פֿערפֿאָלגונג. בּע־שטראָפֿען אַ גרויסע צאָהל מענשען, פֿערפֿאָלגען פֿיר אידעען, וואָס קומען אַרויס פֿון דעם שטאַנד פֿון דער געזעללשאַפֿט איז געוויס איינע פֿון דיא אונגעהייערסטע נידערטרעכֿטיגקייטען, דאָך איז עס אַ בּעשטיממטער פֿאַקט אַז דיא רעליגיאָן פֿערפֿאָלגער זענען געוועזען מענשען בּיי וועלכֿע דיא זיטטליכֿע געפֿיהלען זענען געוועזן

העלפֿט ענטוויקעלט אין דער גוטער זייט. זייא האָבען זיך דאַצו איבער־געגעבען מיט רייגע געפֿיהלען, צו ברענגען דיא פֿערפֿאָלגטע אַ נוטץ, צו ראַטעווען זייער נשמה. זייער קראַפֿט וואָס זייא האָבען געהאַט, האָבען זייא פערבראַכט ניט פֿיר זייער אייגענעם נוטץ, נאָר פֿיר יענעם. פֿערקערט אָבער דיא, וועלכע האָבען דיא געפֿיהלען פֿון ארבייטען פֿיר יענעם ניט געהאַט, האָבען זיך מיט רעליגיאָנס פֿערפֿאָלגונגען ניט פֿערנומען. אין אַלטען גאָטצענדינערשען רוים וואו מען האָט פֿערהאַסט דאָס קריסטענטהום, זעהען מיר, אַז אַזעלכע זיטטענפֿערדאָרבענע קאָניגע וויא קאָממאָד און געליא גאַבאַל האָבען זיך ווענן דיא נייע רעליגיאָן ניט אינטערעסירט, אָבער דיא פֿרומע העלפֿטע אָרענטליכע קאָניגע, מאַרק אַורעליא און יוליאַן זענען געווען דיא גרעסטע פֿערפֿאָלגער פֿון קריסטענטהום. דאָס זעלבע זעהען מיר אין דער קריסטליכער שפּאַניע. אין דאָס לאַנד פֿון פֿייערדיגע מיססיאָנערן, וועלכע האָבען זיך מקריב געווען פֿיר דער אֱמונה, האָט דאָס רעליגיאָזישע געפֿיהל, אונטער־געהיצט פֿון דיא גייסטליכע, בעשאַפֿען אַ מורא׳דיגען פֿהאַנאַטיזם און געבראַכט צוא דיא פֿערפֿאָלגונגען פֿון פֿרייזדענקען, וועלכע איז געוואָרען וויא אַ מִצְוָה עֲשֵׂה, צוא שטיצע דער אונמענש־ליכער בעוועגונג איז געקומען דיא אַלמאָכטיגע מערדערליכע אינקוויזיציאָן. דאָך שרייבען אַללע אַז דיא אינקוויזיטאָרען זענען געווען פֿיינע אונ זיטטליכע מענשען. און זאָגאַר, דוכט זיך לעבערליך, אויך מענשענפֿריינדע. דאָס זאָגען אויך דיא פֿער־האַסער און טאַדלער פֿון דער מערדערייא. ווען זייא זאָלען ניט זיין דאַצו ערנסט איבערגעגעבען, נאָר זייא וואָלטען דאָס אַללעס געטהאָן בלויז פֿון צְבִיעוֹת (פֿאַלשע פֿרומקייט), וואָלטען זייא ניט געקענט זיין אַזוי מערדעריש, ווייל צביעות קומט פֿון שוואַכקייט; אַ מענש מיט אַ שוואַכען חאַראַקטער וויל זיך צובייגען צוא דיא

מיינונגען פֿון מענשען און אַזעלכע שוואַכע נאַטורען קענען ניט
אַזוי שטרענג שלעכט זיין. דיעזע פֿאַקטען זענען נור אַ קליינער
טהייל פֿון דיא פֿיעל פֿאַקטען, וועלכע מיר געפֿינען אין דער
היסטאָריע, וואָס בעווייזען אַז דיא זיטליכע געפֿיהלען זענען
אונפֿעהיג שוואַכער צוא מאַכען דיא רעליגיאָנס פֿערפֿאָלגונגען.
ווייטער וועלען מיר זיך ריכטיג איבערציינגען אַז דאָס ריכטיגע
טאָלעראַנץ (דאָס קענען גלייכגילטיג זיין צוא יענעמס איבערציינגונגען
ווען זייא זענען אַנדערש וויא זיינע) קומט ניט פֿון דער זיטטענ=
לעהרע, וועלכע לערנט מענשענליעבע, נור פֿון דער בילדונג.
נור אַ דאַנק דער בילדונג ווערט אימטער ווענינער דיא
שלעכטס, וועלכע מענשען האָבען זיך איינע דיא אַנדערע געטהאָן צו=
ליעב רעליגיאָנס איבערציינגונגען, נור אַ דאַנק דער בילדונג האָט
אויפֿגעהערט דיא פֿערפֿאָלגונג, וועלכע איהר שאָדען ברויכען מיר
מעסטען ניט מיט דיא בעוואוסטע אָפּפֿערס, וועלכע האָבען זייער
קערפּער מקריב געוועזן אום דעם גייסט צוא פֿערהיטען, נאָר מיט
דיא פֿיעל אָפּפֿערס, וועלכע האָבען זייער זעלע מקריב געוועזן
אום דעם קערפּער צוא פֿערהיטען; דיא, וועלכע האָבען מורא גע=
האַט אַרויס צו זאָגען זייער מיינונג און האָבען זיך פֿערמאַסקירט.
דיעזעס ברענגט צוא פֿאַלשקייט און פֿערדאַרבט דעם גאַנצען
כאַראַקטער פֿון נאַציאָן. דעם חלוק צווישען דער ווירקונג פֿון
דיא זיטליכע יסודות און דיא וויססענשאַפֿטליכע בעוועגונג בע=
מערקט מען שטאַרק ווען מען לערנט אוים דיא אורזאַכע פֿון דעם,
וואָס עס ווערט כּסדר שטופֿענווייז שוואַכער ביים פֿאָלק דער
גייסט פֿון מיליטאַריזם. קיינער ווערט געוויס ניט זאָגען אַז דיא
זיטטענלעהרער האָבען יעצט אויפֿגעוויזען עפּעס נייעס אין דעם,
אַז אַ מלחמה איז אַ שלעכטע זאַך, זייא האָבען אימטער געפּרעדיגט אַז
אַ פֿערטהיידיגעס קריג (Оборонительн. война) איז רעכט און

אַ אויפֿטרעטענדע־אונרעכט. דיא צוויא פרינציפען זענען געוועזען אַזויא פֿערשטאָנדליך קלאָר געזאָגט און אָנגענומען אין דיא מיטטעל־אַלטער, דיא צייט ווען עס איז ניט איבערגעגאַנגען אַכט טאָג אָהן אַ קריג, פונקט וויא יעצט ווען אַ קריג אין אייראָפּא איז זעהר זעלטען. דיא פֿערהעלטניסע פֿון מענשען צוא אַ קריג האָט זיך שטופֿענוויז געטוישט, דאַן ווען דיא זיטטליכע מיינונג וועגען דעם איז געבליבען דיא זעלבע, פֿערשטעהט מען אַז ניט דיא זיטטליכקייט איז געוועזען דיא סבה פֿון אָפּשוואַכען דעם מיליטערישען גייסט. ווען מיר ווענדען זיך אָבער צום מענשליכען שׂכל געפֿינען מיר, אַז יעדע שטאַרקע אַרבייט זיינע איז געוועזען אַ שווערער קלאַפּ פֿיר דעם מיליטערישען גייסט. יעדע נייע וויססענשאַפֿטליכע ערפֿינדונג האָט פֿערשטאַרקט דעם אויטאָריטעט פֿון דעם קלאַסס זיינגליכע אַרבייטער געגען דעם מיליטערישען. דיא היסטאָריע בעווייזט, אַז ביי דיא פֿערוואָביטנע (אור־אַלטע) פֿעלקער איז דיא מיליטער און זייער שטרייט געשטאַנען אויפֿ׳ן ערשטען פלאַן. נאָר ווען דיא פֿעלקער האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז זיך צו ענטוויקלען האָט דיא וויססענשאַפֿט אַרויס געגעבען נייע מאָרטען אַרבייט, מסחר, אינדוסטריא, געזעטצע, לעהרעס, ליטעראַטור, שוהלען, פֿהילאָזאָפֿיא — דאָס אַלעס וועלכעס איז פֿריהער ניט בעוואוסט געוועזען איז יעצט יעדערעס בעזונדער געוואָרען אַ ספּעציאַלנאָסט פֿון אַ געוויססען קלאַסס מענשען, אין וועלכענס אינטערעסען עס ליגט, זיך צופֿערנעמען מיט זייער פֿרעדמעט און ניט מיט מִלְחָמוֹת. דאָס אַלעס שטופּט אָפּ דיא מיליטערישע אַרבייט אויפֿ׳ן לעצטען פלאַן, זאָ אַז געבילדעטע פֿעלקער האַלטען זעהר זעלטען צווישען זיך מִלְחָמָה. דער כאַראַקטער פֿון ענגלישען פֿאָלק בעווייזט, אַז דיא זיינגליכע ענטוויקלונג האָט כְּסֵדֶר פֿערניכטעט זיינע מיליטערישע נייגונגען,

אין אונזער צייט רעכענט יעדער ענגלאנדער פיר זיך א חוב, ענטוועדער צוא לערנען זיין קינד א געלעהרטע פראפעססיא צוא א איינפאכע מלאכה, אדער איינגעוואהנען איהם צוא געשאפט, אונ אין מיליטערישען אדער גייסטליכען שטאנד, פאלען אריין בלויז דיא אונפעהיגע. אלזא זעהט מען, אז דיא וויססענשאפט־ליכע ענטוויקלונג שוואכט אפ ניט בלויז דיא מיליטערישע נייגונגען פון פאלק, נאר אויך דאס גאנצע ווערטה אונ פעהיג־קייט פון דעם מיליטער קלאסס. אין דיא אלטע צייטען איז דיא מיליטער קלאסס בעשטאנען פון דער געבילדעטסטער טהייל דער געזעללשאפט אונ עס האט זיך געפונען צווישען זייא גרויסע דענקער: סאקראט, פלאטאן, פעריקל, גאראציא, קסענאפאט א. ז. וו., אט דיא אללע גרויסע פהילאזאפען, היסטאריקער, אראטארם אונ פאעטען זענען אין דיא זעלבע צייט געווען אויך אויסגעצייכענטע סאלדאטען. אין דיא לעצטע צייטען אבער האט דיא מיליטער קלאסס ניט ארויסגעגעבען פון זיך קיין צעהן אויסגעצייכענטע דענקער. דיא איינצעלנע אויסנאהמע איז דעקארט, וויא א סאלדאט אונ א מערקווירדיגער דענקער. דיא בעוואוסטע מיליטער־שרייבער אבער ראלייא אונ נעפיר צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין שטארקע שארפזינניגקייט. דיא אלטע פעלדהערם זענען געווען אויך גוטע פאליטיקער אונ דיעזעס געפינען מיר ניט בייא דיא נייערע מיליטער קלאסס. זאגאר א זעלכע רעגירער וויא „גוסטאוו־אדאלף“ אונ „פרידריך דער גרויסער“, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א טיפע שארפזינניגקייט אין מיליטער־קונסט זענען געווען אונפעהיגע פאליטיקער. נאר וועגען קראמוועל'ן, וואשינגטאן אונ נאפאלעאן קען מען זאגען, אז זייא האבען אין זיך געהאט דיא

ביידע פֿעהיגקייטען. אין ענגלאַנד זעהען מיר צוויא מערקווירדיגע פֿעלדהערם „מאַלבאָראָ" אונ „וועללינגטאָן", פֿון וועלכע דער ערשטער צייכענט זיך אוים מיט אונוויסענהייט, פֿערגרעבקייט, שלעכטהאַרציגקייט אונ פֿערקויפֿליכקייט. דער צווייטער ווידער האָט געשטערט אַללע הויפּט גוטע אונ נאָטהיגע רעפֿאָרמען, מיט איין וואָרט, דיא ענטוויקלונג פֿון דער דענקענדער אַרבייט האָט בעשאַפֿען גרויסע ספֿהערען, וועלכע פֿערנעמען דיא בעסטע עלעמענטען פֿון דער געזעללשאַפֿט, אונ לאָזען איבער פֿיר דער מיליטער קלאַסס דיא בלויזע אונפֿעהיגע מענשען.

יעצט ברויכען מיר נאָך וויזען דיא וועגען, מיט וועלכע דיא מיליטערישע נייגונגען אונ פֿעהיגקייטען פֿון דיא אַלטע צייטען זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך דיא ווירקונג פֿון דער אייראָפעאישער ציוויליזאַציאָן. אַזעלכע וועגען זענען געוועזען דריא. דאָס ערשטע איז געוואָרען מיט דיא ערפֿינדונג פֿון פולווער. ביז דיזע גרויסע ערפֿינדונג, ווען דאָס געוועהר אונ דיא מיטלען פֿון קריג זענען געוועזען זעהר איינפֿאַך, האָט יעדער פֿהיזיש געזונדטער מענש געקענט זיין אַ סאָלדאַט אונ יעדענס פפֿליכט איז געוועזען גרייט צוא זיין געהן אין קריג. ביז דעם פֿונפֿצעהנטען יאהרהונדערט איז כּמעט דיא גאַנצע אייראָפעאישע בעפֿעלקערונג געוועזען אַ צוזאַמענשטעלונג פֿון אַ גרויסע אַרמייא. איין אויסנאַהמע זענען געוועזען דיא גייסטליכע; נאָר זאָגאַר דיזער קלאַסס האָט זיך אויך געפֿונען אונטער דיא ווירקונג פֿון דעם גאַנצען געזעללשאַפֿטליכען גאַנג אונ פֿיעל מאָל זענען גייסטליכע געוועזען דיא פֿעלדהערם אין אַ קריג. דיא געזעללשאַפֿט האָט זיך דאַן געטהיילט נאָר אויף צווייא קלאַססען: מיליטערישע אונ גייסטליכע, אונ דיא אַללע היינטיגע אינטעללעקטועלע (умственные), געשעפֿטליכע אונ פֿאַבריקאַציאָן

פערנעמונגען האבען דאן נאר וואס אנגעהויבען זיך צובעווייזען. מיט דיא ערפינדונג אבער פון פולווער, וואס אום זיך מיט איהם צובענוטצען האט מען געברויכט האבען פערשיעדענע בעוואפנונגען, טהייערע געוועהר אונ גרויסע מיליטערישע אויסגאבען, האט זיך דיא קונסט פון קריג געמוזט צוזאמען קלייבען אין א בעזונדער, עקסטרא דאצו איינגעוואהנטען, קלאסס. דאדורך איז ארויס געקומען א שטענדיגע געדונגענע ארמייא אונ א גרויסע טהייל מענשען האט זיך אפגעוואהנט אונ בעפרייט פון מיליטער דינסט, אונ צוגעפאסט זיך צוא שטילע בעשעפטיגונגען. אזויא האט זיך בעגרינדעט דיא דריטטע אדער געבילדעטע קלאסס, וועלכע האט וואס אמאל מעהר בעקוממען דיא מאכט אין האנד אונ איינגעפיהרט פיעל נייע פאליטישע רעפארמען. אט דיא קליינע ערפינדונג פון פולווער האט געהאט אזא שטארקע ווירקונג אויף דעם פראגרעס פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציאן; זיא האט אפגעשוואכט דעם מיליטערישען גייסט אונ דאדורך איז געווארען פיעל פערענדערונגען אין דעם ארדענונג, וואס האט עקזיסטירט ביז דאן. געוואהנליך איז געוועזען נאך אזעלכע זייטיגע אומשטאנדע, וועלכע האבען אויך מיט געפיהרט אין דעם וועג, אבער דער הויפט איז געוועזען דיא ערפינדונג פון פולווער. דיא צווייטע ענגליבע בעוועגונג וועלכע האט געפיהרט צוא דער פערקלענערונג פון קריג איז דיא לעהרע פון פאליטישע עקאנאמיא. דיזע וויססענשאפט, וואס אויף איהר ווערטה איז שווער צוא געפינען א ריכטיגען אויסדריק, וועלכע איז שטארק פערבונדען מיט דער טהעאריא פון רעגירונגס פערוואלטונג, איז אמאל גאר ניט געוועזען בעוואוסט. וויא אזויא האט אט דיא לעהרע געווירקט אויף דיא פערקלערונג פון קריג וועלען מיר באלד זעהן.

יעדען איז בעוואוסט, אז צווישען דיא פערשיעדענע אור־

זאַכען, וועלכע ברענגען צוא קריג, איז די קאָנקורענץ פֿון קאָממערציא אַמאָל געוועזען איינע פֿון די ערשטע. אַללע האָבען גערעכענט אַז רייכטהום בעשטעהט נאָר אין געלד, דעריבער ברויך יעדער נאַציאָן צושטרעבען דאַצו, דאָס מען זאָל איהם אַריינפֿיהרען וועניגער סחורה אונ מעהר געלד. דאָס איינציגע מיטעל דאַצו איז געוועזען צוא שליסען מיט דעם צווייטען נאַציאָן אַ טראַקטאַט, וועלכער זאָל איהם צווינגען צוא נעמען מעהר אונזער סחורה אום זיין געלד זאָל בלייבען ביא אונז מעהר. אויף צוא צווינגען דעם צווייטען צוא אַזאַ טראַקטאַט פֿלעגט מען זעהר אָפֿט מוזען געברויכען אַ קריג. אין 17=טען יאַהרהונדערט האָבען זיך זאָגאַר געפֿונען אַ צוויא אויסגעצייכענטע דענקער, וועלכע האָבען אויפֿגעוויזען די דומהייט פֿון דער פֿאַלשער מיינונג; אָבער זייערע רייד איז ניט אָנגענומען געוואָרען. נאָר אין 18=טען יאַהרהונדערט האָבען אַ גאַנצע רייהע פֿון צופֿאָלע (וועלכע וועלען ווערען שפּעטער אויסגערעכענט) געלייגט אַ וועג צוא אַזאַ גייסט פֿון פֿראָגרעס, אַזאַ שטרעבונג פֿון רעפֿאָרמען, וואָס איז נאָך אַזאַ ביישפּיעל אין דער וועלט געשיכטע ניט געוועזען. אין דער צייט האָט מען אָנגעפֿאַנגען אַרויף צוא פֿיהרען די לעהרע פֿון פּאָליטישע עקאָנאָמיא אויף אַ וויססענשאַפֿטליכע שטופֿע. אין 1776=טען יאָהר האָט אַדאַם סמיט אַרויסגעגעבען זיין „רייכטהום פֿון פֿאָלקער", וועלכער איז געוועזען, לויט זיין ווירקונג אויף דער געזעללשאַפֿט, איינער פֿון די וויכטיגסטע ביכער אין דער וועלט. דאָרט איז געוואָרען די אַלטע טהעאָריע אין גאַנצען צוקלאַפּט אונ אויסגעוויזען געוואָרען איהר פֿאַלשקייט. אָבוואָל דער פּאַרלאַמענט האָט פֿון אָנפֿאַנג ניט געוואָלט עס אָננעמען, וויא האָבען זיך ניט געקענט פֿאַר־שטעלען, אַז מען זאָל קענען אויפֿקלערען אַ נייעס פֿון וועלכע די אַמאָליגע מענשען האָבען ניט געוואוסט. נאָר אומזיסט איז די מיה

פון דיא אללע סארטען מענשען, וועלכע וויללען שטערען דיא פארשריטטע פון דער וויססענשאפט. פון יאהר צוא יאהר האט דיא טהעאריא פון „פרייא האנדעל" ערוואָרבען אין פארלאמענט מעהר נאכפאלגער, ביז זיא האט געזיגט. יעצט איז שאן שווער צוא געפינען אין ענגלאנד א ענטוויקעלטען מענשען, וועלכער זאל ניט האלטען פון דער טהעאריא „פרייא האנדעל" צווישען פאלקער. דאפון זעהט מען וויא גרויסע דענקער הערשען מיט דער מענשהייט אונ וויא מיט זייערע ערפינדונגען שטימען זייא אב דעם וייטערן גאנג פון ענטוויקלונג פון פאלקער. וויא מען האט אנגעהויבען צופערשטעהן אז רייכטהום בעשטעהט נאר אין דעם פרייז, וועלכע דיא ארבייט קען צוגעבען צום ראהען מאטעריאל, אונ דיא נוטץ פון מסחר בעשטעהט ניט אין דיא געלד, וועלכע מען בעקומט ביי דעם צווייטען נאציאן, נאר אין דיא לייכטקייט פון טוישען, דערמיט וואס יעדער נאציאן קען דיא סחורה, וועלכע ער איז אימשטאנד ביליג אויסצוארבייטען, איבערטוישען ביי דער צווייטער אויף דעם מין סחורה, וועלכע יענע קען ביליג אויסארבייטען. דיא פאלגע פון דיא בעגריפען איז געוועזען, אז דער גייסט פון קאמערציא, וועלכער האט זיך פריהער געניינט צוא קריג, האט יעצט געשטרעבט צוא שלום. דיא דריטטע גרויסע סבה, וועלכע האט אבגעשוואכט דיא נייגונג צוא קריג בעשטעהט אין דיא לייכטקייט פון דיא אויפטראגע צווישען פאלקער, וואס איז געווארען דורך דיא ערפינדונג זיך צוא בענוטצען מיט דיא קראפט פון פארע פיר דעם מענשענס רייזע. דיא געשיקטע אונ ביליגע מיטלען פון רייזע האט מיטגעהאלפען דיא אפטערע אויפטראגע צווישען פאלקער אונ האט דאדורך אויסגעווארצעלט דאס פערגרעבטע פיינדשאפט, וועלכע דיא פאלקער האבען געפיהלט איינע צוא דיא אנדערע. איינע פון דיא גרעסטע סבות

װעלכֿע ברײנגט צוא נאַציאָנאַלע פֿערהאַסונג, איז דיא אונ־
בעקאַנטשאַפֿט. ניט קענענדיג דעם צװײטען נאַציאָן
שטעלט מען איהם זיך אימטער פֿאָר פֿיר אַ אונזיטטליכֿען. עס
װערען בעשאַפֿען פֿאַלשע לעגענדעס פֿון יענעמס שלעכֿטע
אױפֿפֿיהרונג. נאָר מיט דער אָפֿטערער אױפֿטראַגע געהט עס
אַלעס אַװעק. דיא ריכֿטיגקײט פֿון דעם זעהען מיר אין דיא
יעצטיגע פֿערהאָלטניסע צװישען דיא פֿראַנצאָזישע אונ ענגלישע
פֿאָלקער. אין אַ מֶשֶך פֿון פֿיעל הונדערטער יאָהרען האָבען זיא
זיך אײנע דיא אַנדערע פֿערהאַסט אונ יעצט פֿיהלען זיא צװישען
זיך אַ אינגערליכֿע אַכֿטונג אונ פֿרײנדשאַפֿט אײנער צום צװײטען.

פֿון דיא אַללע חקירות קומען מיר צום בעשלוס, אַז דיא
פֿערענדערונגען, װעלכֿע װערען בײא דיא קולטורנע פֿאָלקער
זענען אַבהאָנגיג בלױז פֿון דרײא בעדינגונגען: ערשטענס, פֿון
דיא מאָס װיססענשאַפֿט, װאָס געפֿינט זיך בײא דיא הױפּט
ענטװיקעלטע מענשען; צװײטענס, אױף װאָס פֿיר אַ װעג דיא
װיססענשאַפֿט איז אַװעק, ד. ה. אױף װאָס פֿיר אַ פּרעדמעטן זיא
האָט זיך אָנגעװענדעט; אונ דריטטענס, װיא װײט דיא װיססענ־
שאַפֿט איז פֿערשפּרײט צװישען אַללע קלאַססען פֿון דער געזעלל־
שאַפֿט. מיט אײן װאָרט, נאָר דיא ענטװיקלונג פֿון מענשליכֿען
שֵׂכֶל האָט געבראַכֿט דאָס אַללעס װעלכֿעס דיא אונגרי־
רענדע זיטטליכֿע יסודות קענען ניט ברענגען.
שלעכֿטס אונ גוטס קענען ניט אױפֿטהאָן אַ שטענדיגע זאַך,
זײער אַרבײט האָט קײן קִיוּם ניט. דיא מַעֲשִׂים־רָעִים פֿון שלעכֿטע
מענשען ברענגט אַרױס שלעכֿטס, דיא מַעֲשִׂים־טוֹבִים פֿון גוטע—
גוטס; אַי דאָס שלעכֿטס אַי דאָס גוטס געהט אַװעק אין
אָבגרונד אונ שװימט צוריק אַרױף בײם צװײטען דור ביז זיא
װערען אין גאַנצען פֿערשװאונדען אין דעם אײביגען גאַנג פֿון

דער צייט. זאגאר דיא גרויסע שארענס נאפאלעאנס זענען שאן ערפילט געווארען, אבער דיא ערפינדונגען פון גרויסע מענשען זענען אונשטארבליך; זייא ענטהאלטען אין זיך דיא אייביגע ווארהייטען, וועלכע לעבען איבער נאציאנען, רעליגיאנען אונ זייער האס איינער צום אנדערן. אלעס געהט אוועק, דיא רעליגיאזע בעגריפען טוישען זיך איממער, אבער דיא ערפינדונגען פון גרויסע מענשען בלייבען אייביג, אייביג.

פינפטע קאפיטעל.

פון דיא פאריגע ערקלערונגען זעהט מען, אז ווען מיר וויללען געפינען דיא בעדינגונגען פון וועלכע עס העגגען אב דיא פארשריטטע פון דער נייער ציוויליזאציאן, מוזען מיר עס זוכען אין דער געשיכטע פון ערווערבונג אונ פערשפרייטונג דער וויססענשאפט. דיא מעשים פון איינצעלנע מענשען זענען ארונטער געווארפען, אין א געוויססער מאס, אונטער דיא ווירקונגען פון זייערע זיטטליכע געפיהלען אונ תאות, נאר דיא געפיהלען אונ תאות האבען קיין איינדריק ניט אויף דיא מעשים פון דער גאנצער מענשהייט. דיזעס האבען מיר געזעהן ביי דער סטאטיסטיק פון פערברעכעריא, וועלכע בעווייזט אונז, אז אין יעדעם לאנד גלייכט זיך אללע יאהר אום אין סך הכל דיא ציפער פון פערברעכעריא, אונ דיא זיטטליכע געפיהלען מיט תאות פון איינצעלנע מענשען מאכט אויף דעם קיין איינדריק ניט. געוואהנליך, ווען מיר זאללען דיא פערברעכעריא געשיכטע צוטהיילען ניט אויף יאהרען, נאר אויף מאנאטען, וואלט מען געוויס געפונען אין דעם א סך וועניגער גלייכהייט; אדער ווען מיר זאללען עס נאך צוטהיילען אויף שטונדען, וואלט מען נאר

ניט געקענט געפינען אין דעם אַ גלייכען סיסטעם. דאָס זעלבע וואָלט געווען, ווען אַנשטאַרט צוא נעמען דיא פערברעכערייא געשיכטע פון אַ גאַנצע לאַנד זאָללען מיר נעמען נור איין גאַס אָדער אַ איינצעלנע פאַמיליע. דען דיא גרויסע געזעללשאַפטליכע געזעטצע, וועלכע הערשען מיט דיא פערברעכערייא קען מען נאָר דאַן בעמערקען, ווען מען בעטראַכט עס אויף אַ גרויסע צאָהל מענשען אָדער אויף אַ לאַנגע צייט; אָבער אין אַ קורצע צייט אונ וועניג מענשען איז שטארק קענטיג דיא זיטטליכע געפיהלען פון דיא איינצעלנע אינדיווידואומען, וועלכע געהען אראָפ פון אללגעמיינעם געזעטץ. אלזאָ, דיא זיטטליכע געפיהלען וועלכע ערוועקען דעם מענשען צוא טהאָן אַ פערברעך אָדער וועלכע האַלטען איהם אָפּ דאַפון, האָבען אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דיא מַעֲשִׂים פון דעם אייגענעם פערזאָן, אָבער זייא האָבען קיין איינדריק ניט אין פערהאָלטנים פון פערברעכערייא, וועלכע ווערען געטהאָן אין דער גאַנצער געזעללשאַפט צווישען וועלכע דער מענש געפינט זיך. דען דיא מעשים זיינע ווערען אויסגעמישט מיט דיא מעשים פון אַנדערע מענשען, וועלכע עס האָבען ערוועקט פערקערטע זיטטליכע געפיהלען. דיא מעשים אָבער פון דעם גאַנצען מענשליכען געשלעכט זענען אבהאָנגיג בלויז פון דיא מאָסווייסענשאַפט, וואָס מענשען בעזיטצען.

לויט וויא מיר האָבען געזאָגט, אַז דיא אַללע מענשליכע מעשים פיהרען זיך נאָך דיא נאָרמע וויסענשאַפט פון דער מענשהייט, האָט מען, דוכט זיך, געברויכט איבערהויפט פער־צייכענען דיא אַללע יְדִיעוֹת, וואָס מען האָט פון די וויססענשאַפטען, בּיסלאַכוויים אויפבינדען זייא אונ געפינען דיא געזעטצע, וועלכע הערשען מיט דיא פאָרשריטטע פון דער ציוויליזאַציא. נאָר צום אונגליק איז ביז יעצט דיא היסטאָריא געשריבען געוואָרען דורך

מענשען זעהר אונפֿעהיגע דאַצו. אַנשטאַדט צוא געבען אונז דיא ריכטיגע ידיעות, וועלכע האָבען אַ ווערטה — ידיעות וועגען דיא פֿאָרשריטטע פֿון וויססענשאַפֿט אונ וויא איהר פֿערשפּרייטונג האָט געווירקט אויף דער מענשהייט, פֿילען דיא היסטאָריקער אָן זייערע ביכער מיט פּוסטע אוננוטציגע מעשיות, פֿערשיעדענע געשיכטעס וועגען מִלְחָמוֹת, וועלכע זענען אינטערעסנע פֿיר דיא וואָס האָבען גענומען אין דעם אַ אַנטהייל, אָבער אוננוטציג פֿיר אונז.

* * *

מיר ווילען דאָ אויסלערנען בלויז דיא געשיכטע פֿון דער ציוויליזאַציאָן אין ענגלאַנד. דיא אורזאַכען, וועלכע צווינגען אונז זיך צופֿערנעמען נאָר מיט דער איינציגער לאַנד, זענען פֿאָלגענדע: ערשטענס, וויא מיר וויסען שאָן, האָבען דיא היסטאָריקער אונז ניט איבערגעלאָזט קיין פֿאַרטיגעס מאַטעריאַל, אום צוא קענען בעאַרבייטען אונ אויסלערנען דיא גאַנצע וועלטליכע ציוויליזאַציאָן. צווייטענס, ווען מיר ווילען ריכטיג ערקלערן דעם פּראָגרעסיווען גאַנג פֿון ענטוויקלונג דער מענשהייט, ברויכען מיר צוא דעם צוועק אויסקלייבען אַזאַ לאַנד אין וועלכער דער פּראָגרעס איז געגאַנגען נאַטירליך, מיט אַ רוהיגען גאַנג, אָהן געדריקטע איבערדרייהונגען אונ אָהן אַ בעשיצליכע ווירקונג פֿון דער אינגערליכער רעגירונג אונ אַ אויסערליכע ווירקונג פֿון דער פֿרעמד. אַ טיפּ פֿון אַזאַ לאַנד איז אייגענטליך גאָר ניטאָ, נאָר ענגלאַנד איז זעהר נאָהנט צוא דעם טיפּ. אין ענגלאַנד אַרבייט דאָס פֿאָלק זעלבסט, אָהן קיינעמס שטיצונג אָדער שטערונג. דאָרט האָט יעדער מענש דאָס רעכט צוא רעדען וואָס ער דענקט, אונ טהאָן וואָס ער וויל, ווען ער שאַדעט נאָר ניט דאַמיט דעם צווייטען. יעדער פֿיהרט זיך לויט זיינע איבערצייגונגען אונ פֿערשפּרייט אָפֿען זיינע אידעען. דיא לעצטע 300 יאָהר האָט ענגלאַנד אַזויא רוהיג זיך

ענטוויקעלט, דאָס מיר געפֿינען ניט דעם ביישפּיעל אין דער אייראָפּעאישער געשיכֿטע, אונ דיזעס זעהען מיר ביא איהר אין אַללע הינזיכֿטען: זיננליכֿען, פּאָליטישען, אינדוסטריעלען אונ פּריוואַט לעבען. אויך האָט זיא ניט אויסגעפּריגט אויף זיך דיא פֿרעמדע אויסערליכֿע ווירקונג. מיר קענען זיך אין דעם לייכֿט איבערצייגען ווען מיר פֿערגלייכֿען ענגלאַנד מיט פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד אונ אַמעריקא — דרייא דיא ערשטע הויפּטגעבילדעטע לאָנדער. אַ לאַנגע צייט האָבען אויסלאָנדער ניט בעזוכֿט ענגלאַנד, האָבען זייא דאַדורך אויף איהר ניט געווירקט אונ ניט געמאַכֿט קיין שום איינפֿלוס, אונ זאָגאַר, וויא מען זאָגט, אַז דאַן ווען קאַרל דער צווייטער איז נאָך זיין לאַנגען זיין אין פֿראַנקרייך צוריק געקומען נאָך ענגלאַנד, האָט דיא פֿרעמדע ווירקונג יאָ געמאַכֿט אין איהר אַ איינדריק, דאָך האָט זיך דיא ווירקונג ניט מעהר אַרויסגעוויזען וויא מיט דיא שאָנדליכֿע ליטעראַטור פֿון באָקקינהאַם, דאָרסעט אונ נאָך איינינע, וועלכֿע זייערע ווערק צייכֿנען זיך אויס מיט'ן פֿראַנצאָזישען כאַראַקטער; אין אַללגעמיין אָבער האָבען דיא ענגלאָנדער ניט איבערגענומען ביא דיא פֿראַנצויזען קיין שום דָבָר קַיָם. פֿערקערט אָבער דיא פֿראַנצויזען, וועלכֿע אויסלאָנדער האָבען זעהר אָפֿט בעזוכֿט, האָבען זיך אימער געפֿונען אונטער דיא ווירקונג פֿון פֿרעמדע אונ האָבען איבערגענומען ביא דיא ענגלאָנדער דיא הויפּט רעגירונגס אָרדנונגען אונ בענוטצט זיך מיט דיא פֿרוכֿט פֿון זייער געניאַלעם שֵׂכֶל. עס איז בעוואוסט, אַז דיא רעוואָלוציאָן פֿון 1789 איז אַ פּראָדוקט פֿון דיא פֿילאָזאָפֿיע פֿון דיא ענגלישע דענקער. אין דייטשלאַנד איז פֿון ענדע דעם XVIII-טען יאַהרהונדערט אויפֿגעשטאַנען אַ גאַנצע רייהע גרויסע דענקער; אָבער איהר גייסטליכֿע ענטוויקלונג האָט זיא צופֿערדאַנקען דיא ווירקונג פֿון

דיא פֿראַנצויזען, וועלכע האָבען זיך אהין געצויגען אין פֿרידריך דעם גרויסענס צייטען. און אַזויא וויא דיא ווירקונג האָט זיך פֿון אָנפֿאַנג איבערגעגעבען נאָר צוא דיא העכער ענטוויקעלטע, האָט זיך דיא דייטשע ליטעראַטור פֿערשלאָסען צווישען דעם קליינעם קלאַסס, זיך אויסגעאַרבייט אַ ספעציאַלע געלעהרטע שפראַך און אַזויא זיך ערווייטערט פֿון דער גרויסער מאַססע, וועלכע האָט זיך שטאַרק געגאָטהיגט אין וויססענשאַפֿט. דיא ליטעראַטור איז געווען פֿרעמד פֿון פּראַקטישע וויססענשאַפֿט און לעבעדיגע אינטערעסען. אין אַמעריקאַ אָבער איז פֿערקערט הויך געלעהרטע— ווענינ, אָבער אויך ווינציג פּראָסטע עַמֵי הָאֲרָצִים. נאָר לערנענדיג דיא ענגלישע היסטאָריא מוזען מיר זיך דאַצו אויך בענוטצען מיט דער היסטאָריא פֿון אנדערע לאָנדער ביי וועלכע עס האָט זיך גראדע שטאַרקער ענטוויקעלט איינע פֿון דיא בעדינגונגען דער ציוויליזאַציאָן. דעריבער וועלען מיר לערנען דיא געזעטצע פֿון ערווערבען אַ סך וויססענשאַפֿט נאָך דיא דייטשע היסטאָריא; דעם גרונד פֿון אַדמיניסטראַטיווע בעשיצונג — נאָך דיא פֿראַנצאָזישע היסטאָריא; דיא געזעטצע פֿון ענטוויקלונג דער רעליגיאָן און איהר ווירקונג אויף דעם עקאָנאָמישען און גייסטליכען שטאַנד פֿון פֿאָלק — נאָך דיא הישפּאַנישע היסטאָריא. נאָר איידער מיר טרעטען צוא צוא דער חֲקִירָה פֿון ווירקונג דער רעליגיאָן, ליטעראַטור און אַדמיניסטראַציא מוזען מיר פֿריהער זאָגען, אַז דיא דריי זאַכען זענען נור אַ תּוֹלְדָה פֿון דער צ י ו ו י ל י ז אַ צ י א, אָבער ניט דיא ציוויליזאַציא איז אַ פֿאָלגע פֿון זייא. דיא היסטאָריא בעווייזט אונז פֿיעל בייספּיעלע, אַז נאַציאָנען האָבען אומגעטוישט זייער רעליגיאָן, אָבער קיין איין מאָל געפֿינען מיר ניט אַז אַ ענטוויקעלט פֿאָלק זאָלל זיך צוריק קערן צוא אַ אַלטע אָפּגעשטאַנענע רעליגיאָן. אַ אונוויסענדעם פֿאָלק ווידער איז ניט איס שטאַנד אָנצונעמען אַ העכערע אויפֿ-

געקלערטע רעליגיאָן. אַז אַ גוטע רעליגיאָן העלפֿט מיט דעם פּראָגרעס פֿון דער ציוויליזאַציאָן און אַז אַ שלעכטע שאַדעט — דאָס איז ריכטיג, נאָר ניט ווען מען וועט פֿערבעססערן די רעליגיאָן וועט דאָס פֿאָלק דאַדורך ווערן ענטוויקעלט. אַ אונוויסענדעס פֿאָלק האָט צוליב איהר פֿערגראָבטקייט מעהר נייגונג צו אַ רעליגיאָן מיט נִסים וְנִפְלָאוֹת. פֿערקערט אָבער אַ פֿאָלק וועלכע איז געוואָרען געוואָהנט צו די שווערסטע אַרבּייט, ד. ה. צו צווייפֿלען, פֿיהלט זי שאָן אַ געברויך אין אַ רעליגיאָן מיט וועניג וואונדער. היינט צו קענען מיר זאָגען אַז בּיין ערשטען פֿאַל, בּיי די אונוויסענדע פֿאָלק מיט איהר אַבּערגלויבענדע רעליגיאָן, דאָס די פֿעהלער פֿון רעליגיאָן האָבען איהר געמאַכט אונוויסענד און פֿערגרעבּט?. אָדער בּיין צווייטען פֿאַל, אַז די מַעֲלוֹת פֿון רעליגיאָן האָבען איהר געבּראַכט צו וויססענשאַפֿט? צו קענען מיר זאָגען, אַז די רעליגיאָן איז דער פּוֹעֵל און די ציוויליזאַציאָן דער פָּעוּל?. אַלזאָ זעהען מיר, דאָס די רעליגיאָן דער מענשהייט איז נור אַ פֿ אָ ל ג ע, אָבער ניט די אורזאַכע פֿון פּראָגרעס. די מענשהייט גיט אַרויס צייטענווייז זעלטענע זעהר ענערגיטשנע מענשען וועלכע בּעשאַפֿען אַ רעליגיאָן אָדער אַ פֿהילאָזאָפֿיא, וועלכע האָבען וויכטיגע פֿאָלגען. נאָר אַז מען קוקט זיך גוט צו צו דער היסטאָריא זעהט מען קלאָר, דאָס די ווירקונג פֿון דער נייער אידעע איז אימער אַבּהאָנגיג אָן דעם שטאַנד פֿון פֿאָלק אין וועלכען די אידעע האָט זיך בּעשאַפֿען, אָבוואָל דערגאַנגען איז איהר אַ איינצעלנע פּערזאָן. ווען די נייע ערקלערטע רעליגיאָן אָדער פֿהילאָזאָפֿיא שטעהט העכער פֿאַר'ן פֿאָלק, קען זי ניט בּריינגען בּאַלד די נוטץ, נאָר זי מוז אויסוואַרטען בּיז די מענשען וועלען ווערען פֿעהיג איהר אָנצונעמען. די אידעע פֿון אַחְדוּת הַבּוֹרֵא (איין גאָטט), וועלכע מען האָט געלערנט די

יודען, איז געבליבען פֿיעל הונדערטער יאָהרען אָהן אַ ווירקונג, דען יודען האָבען זיך דאַן געפֿונען אין אַ נידעריגע גייסטליכֿע לאַגע אונ האָבען ניט געקענט אָננעמען אזאַ הויכֿע אידעע. דעריבער געפֿינען מיר, דאָס בײ יעדען צופֿאַל האָבען זייא פֿערלאָזט דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם (איין גאָטט) אונ געוואָרען עוֹבְדֵי אֱלִילִים (גאָטצענדינער), געבוקט זיך צום עֵגֶל הַזָּהָב אונ נְחַשׁ הַנְּחֹשֶׁת. יעצט האָבען זייא שאָן דאָס אַלעס לאַנג אַוועק געוואָרפֿען, פֿאַר וואָס? , געוויס ניט דאַדורך וויייל עס האָט זיך בײ זייא יעטצט ניכֿער ערוועקט דיא רעליגיאָזישע געפֿיהל אָדער פֿורכֿט. יעצט בעווייזט זיך זייא שאָן ניט מעהר דער עַמוּד הֶעָנָן בײ טאָג אונ דער עַמוּד הָאֵשׁ בײ נאַכֿט. זיי זעהען שאָן ניט מעהר וויא מען גיט דיא תּוֹרָה פֿון הַר סִינַי אונ הערען שוין ניט קיין קוֹלוֹת פֿון הַר חוֹרֵב. היינט צוא וואָס דען בדויכֿען מיר צו צושרייבען דיא סִבָּה, וואָס זייא האָבען זיך אומגעטווישט, אַז ניט צוא דעם איינפֿאַכֿען פֿאַקט, דאָס יודען גלייך ווי אַללע אַנדערע נאַציאָנען, לויט זייערע פֿאָרשריטטע אין ציוויליזאַציאָן, האָבען אָנגעהויבען אויסאַרבייטען פֿיר זיך אַ אידעאַלנערע, פֿיינערע רעליגיאָן, אונ אַזויא לאַנגזאם, ביסלאַכֿוויז האָבען זיי זיך ערהאָבען צוא פֿערשטעהן דיא אידעע פֿון איין גרויסע סִבָּה. זאָגאַר יעצט געפֿינען מיר נאַציאָנען, וועלכֿע זייער גייסטליכֿע ענטוויקלונג שטימט ניט מיט זייער רעליגיאָן. לְמָשָׁל, פֿראַנקרייך, וועלכֿע צייכֿענט זיך אויס מיט איהר פֿריידענקען אונ רעליגיאָזישע טאָלעראַנץ, האַלט דיא קאַטאָלישע רעליגיאָן, וועלכֿע איז מעהר פֿיר אַללע רעליגיאָנען אַבערגלויביש אונ אונטאָלעראַנט. שאָטלאַנדיא אונ שוועציא וויעדער, וועלכֿע צייכֿענען זיך אויס מיט צְבִיעוּת, אַבערגלויבונג אונ אונטאָלעראַנץ, האָבען דיא פֿרייע אונ פֿריידענקענדע פּראָטעסטאַנטישע רעליגיאָן. אַלזאָ זעהט מען, אַז דיא

פֿראַנצויזען זענען בעסער פֿיר זייער רעליגיאָן אונ דיא שאָטלאָנדער מיט דיא שוועדען — ערגער. פֿון דעם פֿערשטעהען מיר, וויא וייט עס איז ניט ריכטיג צוא רעכענען, דאָס דיא אָדער יענע רעליגיאָן האָט געווירקט אויף דיא פֿאָרשריטע פֿון ציוויליזאַציאָן. דאָס זעלבע וואָס מיר האָבען געזאָגט וועגען רעליגיאָן קען געהן אויך אויף ליטעראַטור. ליטעראַטור הייסט, דיא גאַנצע אויפֿגעקליבענע וויסענשאַפֿט אויסגעלייגט אין אַ געשריבענע פֿאָרמע. איינצעלנע מענשען קענען זיך אויפֿהייבען העכער פֿיר דעם שטאַנד פֿון זייער צייט, נאָר דיא געזעללשאַפֿט וועט דאַפֿון גאָר ניט געווינען. דיא מענשען וועלכע ערווערבען זיך הויכע געדאַנקען בלייבען בעזונדער פֿון דער גאַנצער מאַססע אונ האָבען אויף איהר קיין איינדריק ניט. דאַדורך האָט קיין קיום ניט געהאַט דיא גריכישע אונ רוֹמישע ציוויליזאַציאָנען אונ האָבען עקזיסטירט נור אַ קורצע צייט. דורך דעם פֿערשטעהט זיך ליכט פֿאַר וואָס דיא דייטשע ליטעראַטור, וויא מיר האָבען פֿריהער בעמערקט, מאַכט ניט אַזאַ גרויסען איינדריק אויף דער ציוויליזאציא פֿון גאַנצען פֿאָלק. עס איז ווינציג דאָס בלויזע אָנשרייבען אַ ליטעראַטור, עס איז אויך נאָטהיג איהר פֿערשפּרייטונג צווישען פֿאָלק. ווען מיר געהען אַם ענדע איבער צוא דיא ווירקונג פֿון דיא רעגירונגען אויף דיא ענטוויקלונג פֿון דער געזעללשאַפֿט, מוזען מיר פֿאָראויס זעהן אונטער וועלכע ווירקונגען דיא רעגירונגען זעלבסט זענען אַרונטער געוואָרפֿען. דיא פֿיהרער פֿון אַ פֿאָלק זענען פֿריהער פֿאַר אַלעם מענשען פֿון דער לאַנד אונ האָבען זיך מיט איהר ליטעראַטור, בעגריפֿען אונ טראַדיציאָנען. זעלבסט פֿער־שטענדליך, דאָס אַללע ארבייט זייערע געהט נאָך לויט דעם גייסטליכען שטאַנד פֿון לאַנד. אונ מיר זעהען טאַקע,

אז אַללע פֿערענדערונגען אין דעם אָרדענונג פֿון דער רעגירונג, אַללע גרויסע רעפֿאָרמען פֿערווירקליכען זיך דורך דיא פֿאָלקס פֿיהרער לויט דעם גרונד, וואָס דיא גרויסע דענקער, וועלכע געפֿינען זיך אין לאַנד, האָבען אָנגעצייכענט. אַזעלכע ביישפּיעלע געפֿינען מיר זעהר פֿיעל. אין דיא ענגלישע היסטאָריא קענען מיר, למשל, וויזען אויף דעם פֿערניכטונג דיא זאָ גענאַנטע תּבֿואָה געזעטצע דורך וועלכען מען האָט ניט געקענט אַריינפֿיהרען פֿון אויסלאַנד קיין תּבֿואָה. אז דער סיסטעם פֿון בעשיצען דעם מסחר אונ פֿערהיטען איהם פֿון פֿרעמדע קאָנקורענץ איז נאַריש, האָבען נאָך אין XVIII טען יאַהרהונדערט אויפֿגעוויזען דיא פּאָליטישע עקאָנאָמיסטען, אונ פֿון דאַן אָן האָט מען אָנגעהויבען ביסלעכווייז צוא פֿערשטעהן דיא נעטהיגקייט פֿון פֿרייא האַנדעל, אַזעלכע פֿאַקטען געפֿינען מיר אומעדום זעהר פֿיעל. זייא זענען אַ פּראָדוקט פֿון צוזאַמען אַרבייטען פֿון דיא וויססענשאַפֿט, אַללגע־מיינע מיינונג (общественное мнѣніе) אונ דיא רעגירונג, נאָר וויא מיר זעהען, איז דיא גאַנצע אַרבייט נור אויף צוא צוואַרפֿען דיא אַלטע געזעטצע. דער צווייטער ביישפּיעל נאָך דער פֿער־ניכטונג פֿון דיא תּבֿואָה געזעטצע איז דיא פֿערקלענערונג פֿון רעליגיאָנס פֿערפֿאָלגונג, דאָס איז איינע פֿון דיא גרעסטע טובֿות אויף דער וועלט, וואָס דיא געזעטצגעבער האָבען געבראַכט, אַבוואָל אין דעם הינזיכט זענען, צום אונגליק, נאָך זאָגאַר דיא הויפּט ענטוויקעלטע פֿאָלקער ווייט פֿון פֿאָלקאָמענהייט. אָט דער פֿאַקט פֿון פֿערקלענערן רעליגיאָנס פֿערפֿאָלגונג בעשטעהט אויך ניט מעהר וויא אין פֿערניכטען דיא אַלטע טראַדיציעס אונ ניט אין בעשאַפֿען עפּעס אַ נייע וואַרהייט. היינט ווי אַזוי קענען מיר זאָגען אז דיא געזעטצגעבונג האָט געהאַט עפּעס אַ ווירקונג אויף דיא פֿאָרשריטע פֿון דער ציוויליזאַציא, דאַן ווען אין דיא הויפּט

פראגען האָבען דיא אַלטע געזעטצגעבער אָנגעמאַכט אַזוי פיעל שלעכטעס, דאָס אין דיא נייע דורות רעכענען זיך פיר וואָלטהעטער דיא געזעטצגעבער, וועלכע טהוען ניט מעהר אויף וויא צוווארפען דיא אַלטע געזעטצען. ווידער זעהען מיר, אַז דיא רעגירונגען מיט זייער אריינמישען זיך האָבען געבראַכט פיעל שאָדען. למשל, אין פיעל הונדערטער יאָהרען האָבען דיא געזעטצע געשטערט דעם פרייען אָבראָט פון מִסְחָר, אָנגעמאַכט שווערע אָבצאָהלונגען און דאַדורך ענטוויקעלט קאָנטראַבאַנד, וועלכעס ווירקט שרעקליך שלעכט אויף דיא זיטטליכקייט פון דער געזעללשאַפט. דיא אַדמיניסטראַטיווע בעשיצונג פון דער רעליגיאָן וויעדער האָט געבראַכט צוא צְבִיעוּת, חֲנִיפָה און פאַלשקייט. מענשען וועלכע האָבען געוואָלט בעקוממען גוטע שטעלען האָבען זיך פערמאַסקירט און פערשטעלט זייערע מיינונגען. איבערהויפט האָט געשאַדעט דיא רעגירונגס ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון ליטעראַטור. זייא האָבען שטאַרק געשטערט דיא פערשפרייטונג פון וויססענשאַפט. פאַפיער, ביכער, צייטונגען א. ד. ג., דיא געוועהר פון פערשפרייטען בילדונג, זענען געוועזען בעלייגט מיט זעהר שווערע אָבצאָהלונגען. דאַדורך איז דיא גאַנצע געזעללשאַפט געוועזען געריבט דיא פראָדוקטען פון וויססענשאַפט, וועלכע איז געוועזען אַ אייגענטהום נור פון אַ בעגרענצטע צאָהל מענשען. געוועהנליך, עס וועט זיך געפינען אַזעלכע לאַנדער וואו דיא און נאָך אַזעלכע פאַקטען עקסיסטירט היינט אויך און שטערט דעם גייסטליכען פראָגרעס, ענגלאַנד אָבער האָט וועניגער וויא אַללע אַנדערע לאַנדער געהאַט אויף זיך דיא ווירקונג פון דער רעגירונגס אריינמישען זיך און דעריבער איז זיא מעהר נוטצליכער אויף אויסצולערנען דיא היסטאָריא פון דער ציוויליזאַציאָן.